Nr. 5 | אכצענטער יאהרגאנג | פרייז 20 גראשען. | „CZENSTOCHOWER CAJTUNG"

טשענסטאכאווער צייטונג

Bibljot. Jagiellońska Kraków Św. Anny 19

ערשיינט יעדען פרייטאג.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
ערשטע אלעע נר. 6. — טעלעפאן נר. 22-01

אבאנאמענטס-פרייז א נומער 20 גראשען.
אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 22-01.
פאר'ן אינהאלט פון די אנאנסען איז די רעדאקציע נישט פעראנטווארטליך.

אנאנסען-פרייז פאר א מילימעטער שורה:
פאר'ן טעקסט 40 גראשען | נאכ'ן טעקסט 20 גראשען
אין טעקסט 60 גראשען.
די ערשטע און לעצטע זייט האלט 8 אנאנסען שפאלטען.

Piątek 3 lutego 1939 | ליכט-צינדען 4.10 | פרייטאג י"ד שבט פ' בשלח תרצ"ט

Wyroby Zjednoczonych Zakładów Włókienniczych
K. SCHEIBLERA i L. GROHMANA Sp. Akc.
są do nabycia w Wieluniu po tanich cenach we firmach:
„Bławat" - L. Szczecińskiego
Szaja Jakób
Szaja Frymeta
Szaja Josef

צו דער חתונה פון אונזער מיטארבייטערין
פרל. **סאלא אקרענט**
מיט ה' **יאנאס כליווגער**
ווינשען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט
דאס פערסאנאל פון „טאז"
אין טשענסטאכאו.

Z intencji zaślubin
p JONASA CHLIWNERA z p. SALĄ OKRĘTÓWNĄ
życzy dużo szczęścia
Zarząd Ż.K S. „NORDIJA"

Z intencji zaślubin
p. SALI OKRĘTÓWNY z p JONASEM CHLIWNEREM
życzy szczęśliwego współżycia
LEON KURLAND

Z intencji zaślubin naszych przyjaciół
Sary Okrętówny z Jonasem Chliwnerem
i
Estery Grynberżanki z Leonem Sucheckim
serdeczne życzenia składają
Markowie, Genia i Mietek

להברנו **יעקב בורנשטיין** לרגלי בואו בברית האירושין את העלמה **מאשע יאכימוביץ**
הנגו מאחלים לו רוב אושר והצלחה
צבי בוברובסקי, אביהם קמיונר, יעקב אשר ברום

חברנו **יצחק יעקב**! לארושך עם בחירתך העלמה **מאשע יאכימאוויטש**
קבל נא את ברכותינו הלבביות
דוב וואלעצקי, משה קונופניצקי, אייזיק אורבאך

„געזעלשאפט פריינד פון יודישען קינד"
שבת, ד. 4 אפריל ד. י. פינקטל. 9 אווענד
קומט פאר אין זאל „מכבי", קאטעדראלנא 13
א גראנדיעזער
פערוויילונגס-אווענד
מיט פיעל אטראקציעס.
הערליכער ארקעסטער. · ביליגער בופעט.
די גאנצע הכנסה איז בעשטימט לטובת דעם ארימען יודישען שול קינד.

הננו מביעים בזה את רגשי השתתפותינו החמה בצערם של ידידינו
הנכבדים מר **ישראל מנחם זילבערג** ומר **יעקב ציגלר** ומשפחותיהם
למות עליהם אמם ואחותו
הדסה נ"ע
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים ולא יוסיפו לדאבה עוד
חיים וקסלר ורעיתו.

צו דער חתונה פון פרל. **גוטקע געלבהויער** מיט ה' **אברהם'טשע**
פרידמאן א הארציגען מזל-טוב און אייביגע צופרידענהייט.
די עלטערן און געשוויסטער פיעל נחת
ווינשען **יוסף זויפערמאן** און **פאמיליע.**

צו דער חתונה פון פרל. **גוטקע געלבהויער** מיט ה' **אברהם'טשע**
פרידמאן ווינשען פיעל גליק און צופרידענהייט. די עלטערן און געשוויסטער פיעל נחת
מ. פייגענבלאט און **פרוי.**
אנשטאט א טעלעגראמע שפענדען מיר 2 זל. פאר'ן יודישען שפיטאל.

זאל „מכבי". אונאבהענגיג לעצטע
3 גאסטשפילען פון דראמאטישען אנסאמבל אונטער דער קינסטלערישער לייטונג פון **אלעקס שטיין**
היינט, פרייטאג 3 לוטי 9 אוונט **יאשע קאלב**
צום 4-טען מאל אויפ'ן אלגעמיינעם פערלאנג
מארגען, שבת 4 לוטי האלב 3 נאכמ. **יודזיס**
צו ביליגע פרייזען — צום לעצטען מאל
זונטאג, ד. 5 לוטי 9 אווענד געזעגנונגס-פארשטעלונג
דער גרויסער גערעאנק
מייזסטערווערק פון לעאניד אנדרעיעוו אין 4 אקטען.
פרייזען: ביינאכט פון 70 גר. ביז 2 זל., ביימאג פון 55 גר. ביז 1.50 זל.
שבת ביינאכט ווערט נישט געשפילט.
אייגענע דעקאראציעס, קאסטיומען און רעקוויזיטען. ביים קלאוויר: ר. קרעמער
בילעטען-פערקויף אין דרוק. פון ה' באטשאן, פרייטאג פון 7 אוו. און שבת פון 11 פריה אין קאסע

די אלע, וועלכע האבען אנטייל גענומען אין דער לויה פון אונזער הייסגעליבטע יונג פערשטארבענע פרוי, מוטער, טאכטער און שוועסטער
מינדל קאהן (פונדערהיים **שאיא**)
וועלכע איז סארגעקומען מיטוואך, דעם 1 טען לוטי 1939 (י"ג שבט תרצ"ט)
דריקען אויס זייער אינינסטען דאנק.
די אין טיפען טרויער פערבליבענע
מאן, זוהן, טאכטער, מוטער, שוויגער.
שוועסטערן און שוואגער'ס.

מיר נעמען אנטייל אין אונבעשרייבליכען צער פון ה' **מאיר קאהן**
מיטשותף פון דער פירמע „עס-קא-עס" צום פריהצייטיגען טויט פון זיין געליבטע פרוי
מינדל נ"ע
און דריקען אויס אונזער טיפסטען ביילייד.
ס. געווערצמאן און **פאמיליע טראפויער.**

צוזאמען מיט די פאמיליעס **קאהן** און **שאיא** בעוויינען מיר דעם פריהצייטיגען טויט פון זייער הייס-געליבטע פרוי, מוטער און טאכטער
מינדל קאהן נ"ע
המקום ינחם אותם ולא יוסיפו לדאבה עוד.
פאמיליע שטיינהארט

האלא ווילון האלא
פערשידענע מאנופאקטור-סחורות
רעסטען פון מענער און דאמען-שטאפען, חייסווארג, קויפט מען אמבעסטען און אמביליגסטען ביי
חנא יאנקיל מאדאוויטש שענקעוויטשא 2 (שהל • גאס).

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ"
ul. Berka Joselewicza 2
i Warszawska 37.
מאכט בעקאנט, אז איצט ווערט געוואשען מיט א הערליכען שפיגעל-גלאנץ, וואס איז נאך ביז איצט אין טשענסטאכאו נישט געווען.
כדי צו איבערצייגען וועגען דעם די קונדשאפט האבען מיר
פערביליגערט די פרייזען:
א קאלנער מיט א הערליכען גלאנץ **12 גר.**
א העמד — — — 40 „
אויך זענען פערביליגערט געווארען די פרייזען אויף כעמיש וואשען און פארבען. פלעקען ווערען ארויסגענומען אויס'ן ארט.
ספעציאליטעט: פארבען לעדערנע קורטקעס

טיעף געבויגען שטעה איך ביים קבר פון מיין טייערען פעטער
דניאל בערקאוויטש נ"ע
וועלכער איז אין זיינע בליהענדסטע יאהרען פון אונז אוועקגעריסען געווארען. מיין מוהמע, כלה און דער איבריגער פאמיליע דריק איך אויס מיין הארציגען מיטגעפיהל.
זייט געטרייסט.
דוד בערקאוויטש, ווילון.

מיר בעוויינען דעם טויט פון אונזער טייערען און ליבען פעטער **דניאל בערקאוויטש** נ"ע
זיין אנדענקען וועט אונז אייביג זיין טייער.
דער מוהמע און דער איבריגער פאמיליע דריקען מיר אויס אונזער הארציגסטען מיטגעפיהל.
יעקב וואלף בערקאוויטש און פרוי.

דער **פאמיליע בערקאוויטש** אין צער צוליעב'ן טויט פון זייער מאן און פאטער
דניאל נ"ע
דריקען מיר אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל
אליעזר בערקאוויטש און פרוי

טיעף ערשיטערט צוליעב'ן פריהצייטיגען טויט פון אונזער פריינד ג"ע **דניאל בערקאוויטש**
דריקען מיר אויס דער פער'יתומ'טער פאמיליע אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל
אליה קארן און פרוי
חיים צבי קארן און פרוי

דער פער'יתומ'טער **פאמיליע בערקאוויטש**
צוליעב'ן טויט פון זייער מאן און פאטער, אונזער געשעפטס-פריינד נ"ע **דניאל**
דריקען מיר אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל
מ. זיידלער, ד. קאלטון

דער **פאמיליע בערקאוויטש** אין זייער גרויסען צער אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל.
יודל רינג און פרוי

מיר דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דער **פאמיליע בערקאוויטש** צוליעב'ן טויט פון זייער מאן און פאטער נ"ע **דניאל**
זייט געטרייסט.
שמואל לועל און פרוי
עזרה קושעפיצקא און פרוי

בלב מלא צער ויגון קודר אנו מודיעים ע"ד האסון הגדול שקרה לנו בהלקח מאתנו עטרת תפארת ראשנו האשה החשובה והמפורסמת במעשי' הטובים
הדסה א"ר **משה אפרים** ז"ל מביתה **ציגלער זילבערבערג**
ששבקה חיים לכל חי' בשנת השמונים לימי חי'. הלויתה למנוחת עולמים היתה ביום ה' י"ג שבט תרצ"ט. ובזה אנו מביעים את תודתנו לכל אלה אשר חלקו את הכבוד האחרון להנפטרת בפרט לחברה קדישה ולדידינו הגבאי הר' משה נ"י האלטער.
השרויים בצער עמוק
בני', בנותי', אחי', אחותה, חתני', כלותי', נכדי', ניני' וכל משפחתה.

הוי נפלה עטרת ראשנו!
ערשיטערט און צוזאמענגעבראכען זענען מיר מודיע וועגען טויט פון אונזער הייס-געליבטען מאן, פאטער און שווער
דניאל בערקאוויטש נ"ע
וועלכער איז געשטארבען שבת ה' שבט אין עלטער פון 56 יאהר און איז געקומען צו קבורה אויפ'ן ווילונער בית-עולם ט' שבט תרצ"ט (דעם 29 סטיטשען).
די אלע, וועלכע האבען אנטייל גענומען אין דער לויה און אבגעגעבען אונזער טייערען נפטר דעם לעצטען כבוד, דריקען אויס דעם אינינסטען דאנק
די אין טיעפען טרויער פערבליבענע
פרוי, זיהן, טעכטער, שניר, איידים און אייניקעל
ווילון (באלקוב).

מלבוש ערומים

שוין אַנ׳ערך הונדערט יאָהר עקזיס-טירט ביי אונז אין שטאָדט אַנ׳אינ-סטיטוציע מיט׳ן קלינגענדיגען נאָמען „מלבוש ערומים", וואס זיין בעדייטונג איז: אָנקליידען נאַקעטע.

ווער עס האָט געגרינדעט די דאָזיגע אינסטיטוציע איז אונז נישט בעוואוסט. דערפאַר אָבער ווייסען מיר, ווי אזוי עס האָט אויסגעזעהן איהר טעטיגקייט אין משך פון די לעצטע יאָהרען.

„מלבוש ערומים", פונקט אזוי ווי אלע איבריגע אינסטיטוציעס פון דעם מין, האט נאָך דער דייטשער אָקופּאַציע, נישט געהאָט די געהעריגע לעגאַלי-זאַציע, נאָר ערשט שפּעטער האָט זי איינגעגעבען סטאַטוטען, געמאַכט א סטעמפּעל און בעקומען די יורידישע ט רעכפּון אַנ׳אינסטיטוציע.

דאָס האָט אָבער נישט געשטערט, אז די פיהרונג פון דער דאָזיגער גע-זעלשאַפט זאָל זיין פונקט אזוי, ווי זי איז געווען מיט 50 יאָהר צוריק. עס זענען כלומרשט איינגעאָרדענט געוואָ-רען פון צייט צו צייט אַלגעמיינע פערזאַמלונגען. די פיהרער פון דער דאָזיגער אינסטיטוציע האבען אָבער דערויף געקוקט ווי אויף א גזירת-המלכות...

אויך די טעטיגקייט פון דער דאָזי-גער אינסטיטוציע איז געווען א קלאָ-געדיגע, מען האט אַ גאַנץ יאָהר גע-זאַמעלט געלד, אויף חתונות און ברית׳ן. אויך האָט מען איינקאַסירט אַביסעל מיטגלידס-ביטראַג און איינ-מאָל אין יאָהר האָט מען פאַר דעם געלד געקויפט עטליכע פאַר שיכלעך און זיי פערטיילט צווישען אָרימע קינדער.

לעצטענס האט געהאַלטען דערביי-אַז די דאָזיגע זייט הונדערט יאָהר עגזיסטירענדע אינסטיטוציע זאָל ווע-רען אַ פּריוואַט קרעמיל פון צופעליגע מענשען, וועלכע האבען דאָס בעטראַכט פאַר אַנ׳אייגענטום און אַ ירושה זאַך. ערשט אויף דער קאַטעגאָרישער אויפ-פאָדערונג פון דער עפענטליכער מיי-נונג איז פאָרגעקומען אַנ׳אַלגעמיינע פערזאַמלונג, אויף וועלכער עס זענען אויסגעוועהלט געוואָרען מענשען מיט א געזעלשאַפטליכען סטאַזש, וועלכע אַרבייטען שוין יאָהרען אויפ׳ן געזעל-שאַפטליכען געביעט.

די נייע פערוואַלטונג האט בעשלאָ-סען די דאָזיגע אינסטיטוציע „מלבוש ערומים" צו רעאָרגאַניזירען און פון איהר מאַכען אַ מאָדערנע געזעלשאַפט.

„מלבוש ערומים" דאַרף ערפילען איהר אויפגאַבע; זי מוז אָנקליידען יאָהר-יעהרליך נישט איינצעלנע קינדער, נאָר אזוי פיעל וויפיעל עס נויטיגען זיך דערין און דעריבער דאַרף די יו-דישע געזעלשאַפט, וועלכע האט זיך לעצטענס בעצויגען מיט בטול צו דער דאָזיגער אינסטיטוציע, זי פון איצט אָן נעמען ערנסט און זיך פערשרייבען אַלס מיטגלידער, ווייל יעדער גראָשען וואָס וועט אריינפאַלען אין דער קאַסע פון דער דאָזיגער אינסטיטוציע וועט זאָרגפעלטיג אויסגענוצט ווערען לטובת דעם אָרימען נאַקעטען יודישען קינד.

פערשרייבט אייך אלס מיטגלידער אין „מלבוש ערומים" און זאָל זי ביי דער נייער פערוואַלטונג בעקומען איהר תיקון, זאל „מלבוש ערומים" זיין דאָס, וואָס זי דאַרף זיין און לויט דעם גייסט צוליעב וועלכען זי איז געשאַפען געוואָרען דורך אונזערע זיידעס מיט הונדערט יאהר צוריק. ש.

קורצע ידיעות פון דער וואָך.

— צום 6 טען יאָהרצייט סון זיין איבערנעמען די מאַכט אין דייטשלאַנד האט היטלער געהאלטען אין רייכסטאג א גרויסע רעדע. אין דער דאָזיגער רעדע האָט היטלער הויפטזעכליך בע-האַנדעלט די אינערליכע ענינים פון דייטשלאַנד. די יודען בעשולדיגט ער אין וועלען ארויסרופען א נייע וועלט-מלחמה. ער האט אויך ווידער ארויס-גערוקט די פאָדערונג וועגען קאָלאָניעס פאר דייטשלאַנד, היטלער׳ס רעדע ווערט דורך דער אויסלענדישער פרע-סע בעצייכענט אלס שוואַכערע פון די פריהערדיגע און דרינגט פון איהר ארויס. אַז דערווייל איז נישטאָ קיין מלחמה-געפאַהר.

— די קאַטאָוויצער „פאָלאָניא" האט געבראַכט אַ ידיעה פון גוט-אינפאָרמירטע קרייזען, אז צוליעב די אינטערעסען פון דער פוילישער אויסלענדישער פאָ-ליטיק וועלען אין פוילען נישט איינ-געפיהרט ווערען קיין אנטי-יודישע גע-זעצען.

— די 4 דרום-אַמעריקאַנישע מלוכות ארגענטינא, בראַזיליע, אורוגוואַי און פאַראגוואַי האבען געשאַפען א געמיינ-זאמען קאָמיטעט צו בעהאַנדלען די פראַגע וועגען דערלויבען צו קאָלאָניזי-רען און בעזעצען זיך אויפ׳ן באָדען פון די 4 מלוכות אימיגראַנטען פון איי-ראָפּא.

— אין דער הויפּט שטאָדט פון מעק-סיקא זענען פאָרגעקומען אַנטי-יודישע עקסצעסען, אָרגאַניזירט דורך דער פאַ-שיסטיש אַנטיסעמיטישער אָרגאַניזאַציע „גאָלדענע העמדלעך". וועלכע ווערט אינסטוּאירט און געשטיצט דורך נאַ-ציסטען.

— דער פעדעראַל-ראַט פון דער שווייץ האָט אָנגענומען א נייעם איינ-וואַנדערונגס-געזעץ, וואס בעשווערט ריזיג די איינרייזע אין לאַנד.

— אין דייטשלאַנד האָט אויפגעהערט צו ערשיינען דאָס „בערלינער טאגע-בלאַט", די וויכטיגסטע דייטשע צייט-טונג זינט דעם יאהר 1870.

— די אַנטי-יודען געזעצען אין אונ-גאַרן האָבען אין דאָזיגען לאַנד ארויס-גערופען גרויסע שוועריגקייטען אין האַנדעל און אין דער אינדוסטריע און פאַראַליזירען דאָס ווירטשאַפטליכע לעבען.

— פרעמיער טשעמבערליין האט אָדורכגעפיהרט אַ רעקאָנסטרוקציע פון זיין קאַבינעט. די ניי אריינגעצויגענע מיניסטאָרען זענען נישט קיין פּאָליטי-קער נאָר פאַכלייט בעיקר מיליטערי-שע.

— די בלאָקאָדע פון די ענדעקישע סטודענטען אין לעמבערגער אוניווער-זיטעט, וועלכע איז פאָרגעקומען צו-ליעב׳ן אַרעסטירען עטליכע סטודענטען, איז איבערגעריסען געוואָרען. נאָכ׳ן אי-בעררייסען די בלאָקאָדע האבען די סטודענטען איינגעאָרדענט אַ דעמאָנ-סטראַציע און אויסגעהאַקט פיעל שוי-בען אין די גאַסען. די דעמאָנסטראַציע איז פונאנדערגעטריבען געוואָרען. די למודים אין אלע לעמבערגער הויכשו-לען זענען דאַן אָבגעשטעלט געוואָרען.

— די טיפוס-עפּידעמיע אין דער קעלצער וואָיעוואודזטווע האט אַרומגע-כאַפּט דאָס שטעדטיל שידלאָוויעץ, וועלכעס איז דורך דער מאַכט אָבגע-שניטען געוואָרען פון דער וועלט. כדי געגענצווווירקען דער פערשפרייטונג פון דער קרענק.

אברהם פויגעל

ביי דיינע חורבות, שפּאַניען...

אויף דיינע חורבות, שפּאַניש לאַנד,
פייפט איצט דער ווינד און דלות בייגאַנד
און שפּיעלען דאָרט אויס אַ מאָדנע ליעד,
אַ נאָכגישט געהערטען, אונהיימליכען ניגון,
נישט דאָס קיין מאַרש נאָך אייגענע זיעגען,
נישט דאָס קיין קלאָג-ליעד, קיין איכה-געוויין,
נור — אַ געלעכטער: געלעכטער וואָס בריהט,
וואס ברענט, ווי א שמיץ פון אַ דינער בייטש,
וואָס בייסט זיך איין אין הויט און פלייש —
איבער אַ פאָלק, וואָס זיך מאָרדעט אליין!

שפּאַניען, אויף דיינע צעשאָסענע חורבות,
אין ווייסע האַנדשען, אין זיעגער-קראַנץ —
טאַנצט היינט דער טייוועל זיין טויטען-טאַנץ;
און הינטער איהם — אָרים און באָרוויס,
אין רעכטער האַנד — א פלאַמענדער פאַקעל,
שפּרייזט די מ ג פ ה לייכט און שנעל
און פעסטעט, און מאָרדעט, און ניכטעט, און ברענט!
און האַרט נאָך זיי, טריט-ביי טריט,
אין גאָלדענע שליפּעס, די ברוסט — פול מעדאַלען,
שלייכען זיך שטיל — מענשען-שאַקאַלען,
וואָס זוכען פון טויט צו ציהען פּראָפיט.
דיין בלוט פאַר זיי איז גאָרנישט צו טייער!
זיי — די פרעמדע — זיי זענען די הענט,
וואס שאָרען גאָלד פון אַ פרעמד פייער.
אָט זעה, אַ וועמען די זיהן דיינע דיענען
אויף דיינע שפּאַניען, אויף דיינע רואינען!

פון דיינע חורבות. שפּאַנישע ערד,
פון הייהלען, וואס זענען געוואָרען צעשטערט
פון פורכטיגע, דונקלע קאַזעמאַטען
פון באָמבעס צעריסען, צעשטערט דורך גראַנאַטען,
וואו יעדעס זאַמדעל און שטיין — פערטרעהרט —
דערטראָגט זיך — געזוויש; עס קאָכט און זידט.
ווי ס׳בלוט פון א נביא, ווי סמבטיון דער טייך —
רוישט און קאָכט דאס בלוט פון דעם איד,
וואס פערברענט געוואָרען אויף שייטער-הויף,
פערפייניגט שרעקליך אָהן יעדער שולד
דורך אייערע זיירעס — נישט דורך אייך.
פערהאָן דאָך א חשבון, פערהאָן — געדולד;
ס׳קאָכט אַזוי לאַנג, בוז עס רייסט אויף
דאן קומען צום וואָרט — פייער און שווערד —
צופיצל בלוט געטרינקען, שפּאַנישע ערד!!!

„יוד ביטער"...

א רעצענזיע-פעליעטאָן

אַלע פערשטעהן, אַז דאָס מיינען מיר צו געבען אַ רעצענזיע פון דער אויפפיהרונג פון ליאן פויכטוואַנגער׳ס דראַמע „יוד זיס". מיר וועלען זיך אָבער נישט נוהג זיין, אַזוי ווי אַ טייל רעצענזענטען, וועלכע בעת זיי גיבען אַ רעצענזיע פון א טעאַטער-שטיק, רע-דען זיי וועגען אלעם אין דער וועלט, קריכען אין די הימלען און ערשט צום סוף גיבען זיי דאָרט א צוויי דריי ווערטער וועגען דער אויפפיהרונג און וועגען שפּיעלען פון די אַרטיסטען. מיר וועלען באַלד צוגעהן צו דער עצם זאַך און שפּעטער, אַז עס וועט נאָך קלע-קען פּאַפּיר און געדולד, וועלען מיר אַ שמועס טהון וועגען מילי דעלמא.

קורץ, ליאן פויכטוואַנגער, וועלכער האט לעצטענס אָנגעשריבען מלחמות היהודים, ווי אַזוי יודען האָבען אמאָל מיט קנאַפּע צוויי טוזענד יאָהר צוריק-געפיהרט קריעג, פערטיידיגענדיג זייער זעלבסטשטענדיגקייט, האט אויך אָנגע-שריבען אַ דראַמע א. נ. „יוד זיס". דאס איז א געשיכטע פון א יוד, יאָזעף זיס אָפּענהיימער, וועלכער איז געווען דער פינאַנץ ראַטגעבער פון ווירטעמבור-גער הערצאָג און איז געשטיגען פון שטאַפּעל צו שטאַפּעל, ביז ענדליך ער איז צוליעב אינטריגעס און אנדערע מכשולים פערמשפּט געוואָרען אויף דער תליה.

יוד זיס האט געהאט אַ מעגליכקייט זיך צו ראַטעווען. מען האָט איהם אויך דערצעהלט, אַז זיין פאָטער איז געווען אַ קריסט, נאָר דער יוד זיס, נאָכדעם, ווי ער האט אויסגעפיהרט זיין נקמה פאַר דער בעליידיגונג און טויט פון זיין געליבטער טאָכטער, געהט מיט שטאָלץ און ווירדע אויף דער תליה.

ביי אונז האט אויף די ברעטער פון פייערלעשער-זאַל דאָס אויפגעפיהרט דער גלענצענדער אַרטיסט און רעזשי-סער אַלעקס שטיין, וועלכער האט טריי און בילדליך פאָרגעשטעלט די טראַגיק פון דעם יודען, וואס האט אפילו דאָ-מאָלס און אפשר דאַמאָלס מעהר ווי אנדערשוואו, ווען ער דערגרייכט די העכסטע שטופּע פון מאַכט, אויסצו-שטעהן צרות פון אינטריגאַנטען און נישט פערגינער, אַזוי, אַז ער איז נישט פאַר קיינעם יוצא, נישט פאַר די קריס-טען, וועלכע זעהען אין איהם א שונא, ווי אויך נישט ביי די יודען, וועלכע שטעהען אויס געבערענטע צרות און ווענדענדיג זיך צום הויף-יוד נאָך הילף, קאן ער זיי נישט אלע מאָל דאס גע-בען. די איבריגע אַרטיסטען, מיט׳ן אויסנאָהם פון עטליכע, האבען שוין אַ ביסעל שוואַכער געשפּיעלט, אָבער דאס איז א קלייניגקייט. מען קען דאָך נישט פערלאַנגען, אַז אפילו אזא פער-אַנטוואָרטליכער אַרטיסט, ווי עס איז אַלעקס שטיין זאָל מיטנעמען אויף דער פּראָווינץ בלויז סטאָרען אָדער אפילו דעקאָראַציעס...

אָבער ווי געזאָגט איז דאס די רע-צענזיע. וועגען דער אויפפיהרונג, וועגען דער פּראָבלעמאַטיק אָבער פון שטיק לוינט זיך א ביסעל אָבצושטע-לען.

מעגליך, אַז אזא „יוד זיס" איז טאַקי געווען אין דער ווירקליכקייט און מעגליך, אַז דאָס איז נאָר געבוי-רען געוואָרען אין דער פאַנטאַזיע פון פויכטוואַנגער׳ן. א פאַקט איז אָבער, אַז אַזעלכע „יוד זיס" זענען געווען א סך ביי שררים און מלכים און זייער סוף איז געווען ענליך אָט צו דעם יוד זיס.

און נישט בלויז דער יחיד, דער איינצעלנער יוד האט אזא ביטערע מפּלה, נאָר דאָס גאַנצע פאָלק ישראל טיילט מיט דעם זעלבען גורל. זיי אַר-בייטען, לייגען אַוועק זייער גאַנצען כח און אָנשטרענגונג און ווען זיי האָ-בען שוין דערפיהרט דאס לאַנד צו א געוויסע מדרגה, הויבט זיך אָן געגען זיי א העצע און מען הייסט זיי געהן ווייטער.

מיר וועלען נעמען גאָר פון די לעצ-טע פאַר יאָהרהונדערטער. אין שפּאַניע האבען די יודען געשאַפען ריעזען-ווער-טען, הן אויפ׳ן פינאַנסיעלען געביעט — געווען א יודישער פינאַנס-מיניסטער דאָן אברבנאל והן אויפ׳ן קולטורעלע געביעט, בערייכערענדיג די שפּאַנישע פּאָעזיע און קולטור. און ווען די יודען זענען שוין געשטאַנען אויף דער העכ-סטער לייטער, אלס בערעכטיגטע און נוצליכע בירגער פון לאַנד, האט זיך אָנגעהויבען די ווילדע העצע פון די פינסטערע ברואים, וואס האט צוגע-פיהרט צו די שוידערליכע אינקוויזי-ציעס און צום סוף צום גירוש-שפּאַניע, וואס וועט בלייבען אַנ׳אייביגער שאַנד-פלעק פון דעם דאָזיגען לאַנד.

אין דייטשלאַנד האבען יודען אין לעצטען יאָהר-הונדערט זינט זיי זענען געוואָרען גלייכבערעכטיגט געשאַפען אַזעלכע אוצרות, וואס וועלען בלייבען אויף אייביגע דורות. אויך אין דער ווירטשאַפט, ווי אין דער פּאָליטיק, האָ-בען יודען געשאַפען גרויסע ריעזען-ווערק, ווען ס׳רעדעלע האט זיך אָבער געגעבען א דרעה, האט מען אָנגעהויבען צו רודפ׳ען יודען עד חרמה. אין אלע צרות זענען יודען שולדיג. און דער המן פון דער איצטיגער צייט קאָן זיך נישט בערוהיגען ביז ער וועט אלע יודען פערטיליגען.

אויך ביי אונז אין פוילען, לויט ווי עס דערצעהלט די געשיכטע, האבען די פוילישע מלכים איינגעלאַדענט די יודען, אז זיי זאָלען ענטוויקלען דעם האַנדעל און אינדוסטריע אין לאַנד און איצט, נאָך א פאַר הונדערט יאָהר, ווען יודען האָבען מיטגעהאָלפען צום אויפבוי פון די פוילישע שטעדט צו דער ענטוויקלונג פון האַנדעל און אינ-דוסטריע, זענען יודען גאָר געוואָרען א פרעמדער, שעדליכער עלעמענט, און טאג און נאָכט און ביי יעדער געלעגענהייט איז נור דאָ איין-איינ-ציגע טעמא, ווי אזוי פון יודען פטור צו ווערען.

דאס זעלבע איז אין ארץ-ישראל. אזוי פיעל שוויס און בלוט וויפיעל ארץ-ישראל קאָסט אונז, איז דאָך נישטאָ אין דער געשיכטע פון קיין שום פאָלק, און ווען עס הויבען אָן פון די חורבה׳דיגער ערד בליהען גער-טנער און שטעדט, פעלדער און וואַלד, הויבט זיך אויף אַ וואָקכאַנאַליע אונז פון דאָרט צו פערטרייבען.

אזוי אויפ׳ן גאַנצען כדור-הארץ, מיט׳ן אויסנאָהם פון עטליכע לענדער.

וואס טהוט זיך דאַ? וואו ליגט דער סוד פון דער דאָזיגער אייביגער יו-דישער טראַגעדיע? צי דערפאַר ווייל מיר זענען בני-מלכים, מוזען מיר אזוי פיעל ליידען? אפשר יאָ!

און דאָ קומען מיר צום עיקר פון אונזער רעצענזיע. פויכטוואַנגער האט דעם יוד אָפּענהיימער שלעכט טיטו-לירט מיט׳ן נאָמען „זיס". בעסער וואָלט זיך פאַר איהם געפּאַסט דער נאָמען „ביטער", ווייל סיי דעם יוד גופא איז ביטער זיין לעבען, אפילו אין גילדענעם גוטען. אויך דער אַרוּ-מיגער וועלט איז ביטער, נישט קע-נענדיג זיך קיין עצה געבען מיט׳ן יוד. זיי קאָנען איהם נישט אָראָבשלינגען און נישט אויסשפּייען.

צום טויזענדסטען מאָל שטעלט זיך די פראַגע. וואס וואָלט אייגענטליך די וועלט היינט געהאַט צו טהון, ווען עס וואָלט נישט געווען קיין יודען-פּראָב-לעם? זי וואָלט דאָך געשטאַרבען פאַר אומעט און נודנעקייט. אזוי אָבער איז דאָ וועגען וואס זיך צו אַמפּערן. דער יוד איז דער אלף און תיו, דער איינ-האַלט, אַ דאַנק וועלכען קליינקעפּעל-דיגע מושלים דערגרייכען צו מאַכט. כל המיצר לישראל, ווערט היינט אויס-גענוצט אויף גאַנצע הונדערט פּראָ-צענט. דער יוד איז דאס בעסטע רייט-פערדיל, אויף וועלכען מען קאָן קומען צום ציעל. נישט איין פוסטער קאַריע-ריסט, וועלכער האט נישט קיין שום קוואַליפיקאַציעס און קיין שום אַנדערע מעלות מפורסם צו ווערען, דערגרייכט עס נאָר אַ דאַנק, וואס ער טראַכט אויס אַ נייע גזירה אויף יודען.

עד מתיז ווי לאַנג נאָך וועט דער יוד זיין דאס ציעל ברעט פאַר די אַלע נידריגע אינסטינקטען פון דער מענש-ליכער אונבעהאָלפענקייט?

אָבער נישט פערצווייפעלט ברידער, אַמחיינינגסטען פאַסט זיך צו וויינען און צו קלאָגען. פערקעהרט, לויט אונ-זער טיעפסטער איבערצייגונג, דאַרפען מיר, יודען, זיין שטאָלץ, וואס די וועלט ווערגט זיך מיט אונז, אַז סיי ווי, ווי-סען מיר דאָך, דאס זיי וועלען אונז נישט פערטיליגען. גרעסערע און שטאַר-קערע פון זיי האָט זיך דאס נישט איינגעגעבען, וועט עס זיך דער היינ-טיגער חברה אודאי נישט איינגעבען. טאָ צו וואס זיך איבערנעמען. אמת, מיר ליידען פיזישע און מאָראַלישע יסורים, נאָר דאס אַרט אונז נישט, מיר זענען שוין צוגעוואוינט.

קוקען מיר זיך צו ווי די וועלט קאָרטשעט זיך אין יסורים, צוליעב אונ-זער עקזיסטענץ און דאס טאַקי גיט אונז האָפנונג אויף דער צוקונפט און פערשאַפט אונז גלייכצייטיג אַביסעל הומאָר.

פויכטוואַנגער האט געדאַרפט א נאָ-מען געבען „יוד ביטער", ווייל נישט אונז אליין איז ביטער, נאָר אויך פאַר זיי, איהר ווייסט שוין פאַר וועמען, זענען מיר א ביטערע פיל. מיר זענען צו גרויס און צו איידעל, אז די וועלט רשעים זאָלען קאָנען אונז דולדען. פאַר זיי וועלען מיר אייביג זיין בי-טערע יודען אָדער אויפ׳ן פויכטוואַנ-גערישען לשון: יוד ביטער...

סמאַל

צווייערליי יודען

(בעמערקונגען)

פון ד"ר א. גינזבורג

יודען און יודען זענען נישט גלייך. עס זענען דא צווייערליי יודען. עס זענען דא יודען, וואס ווייסען, וואס זיי ליידען און עס זענען דא יודען, וואס ווייסען עס נישט.

דער פרומער יוד ווייסט, אדער ער מיינט, אז ער ווייסט, פארוואס ער ליידט. ער איז זיכער און ער איז טיעף איבערצייגט, אז אלע יודישע צרות, אלע ענויים און פערפאלגונגען זענען אן'אבקומעניש פאר די זינד פון פאלק ישראל. ער איז אויך זיכער, ער איז טיעף איבערצייגט, אז פריהער אדער שפעטער וועט נעמען א סוף צו די יודישע צרות. פריהער אדער שפעטער וועט קומען דער דערלייזער אדער די דערלייזונג.

דער נאציאנאלער יוד, אפילו ווען ער איז נישט פרום, ווייסט אויך פארוואס ער ליידט. ער ווייסט, אז ער ליידט פאר זיין אנדערשקייט, פאר דעם, וואס ער איז אנדערש ווי זיינע שכנים, צווישען וועלכע ער לעבט און צווישען וועלכע ער איז געצוואונגען צו לעבען, ווייל ער האט נישט קיין אייגענע היים.

ער ווייסט גאנץ גוט, אז ער איז נישט שולדיג אין זיין אנדערשקייט. ער האט איהר, די דאזיגע אנדערשקייט נישט אויסגעקליבען מיט זיין פרייען ווילען. זי איז איהם איבערגעגעבען געווארען בירושה פון דורות און דורות. ער קען איהר די דאזיגע אנדערשקייט נישט אבווישען אפילו ווען ער זאל דאס ווילען. נישט ער האט איהר אויסגעקליבען מיט זיין פרייען ווילען און נישט ער קען איהר ענדערען מיט זיין פרייען ווילען. ער ווייסט אבער, אז זיין אנדערשקייט איז א פאקט — א פאקט, וואס די גוטע שכנים האלטען איהם שטענדיג אין דערמאנען. נעמט ער אן דעם פאקט, ווי ער איז, ווייל קיין אנדער ברירה האט ער נישט און איז גרייט דערפאר צו בעצאהלען — צו בעצאהלען מיט אונפערמיידליכע ליידען...

דער איינציגער וואס ווייסט נישט און פערשטעהט נישט פארוואס מען האט איהם פיינט איז דער ענטלאפענער יוד, דער אסימילירטער יוד, ער איז ענטלאפען, כדי זיך צו רעטען פון דער דאזיגער שנאה. ער האט צוליעב דעם איבערגעריסען אלע פערבינדונגען מיט זיין פאלק. ער האט פון זיך אראב געווארפען יעדען שפור פון אנדערשקייט. ער איז געווארען גלייך מיט די שכנים. זייער שפראך, זייערע מנהגים, זייערע מאניערען, אינגאנצען א זייעריגער. געהאפט האט ער, אז איצטער וועט ער זיין מיט לייטען גלייך. מען וועט איהם נישט דערמאנען טאטע-מאמעס יודישקייט.

לאזט זיך אויס, אז ער האט געהאט א מיאוס'ן טעות אין זיין חשבון, אומזיסט זיין האפנונג. די שנאה פון די שכנים הערט נישט אויף איהם צו פערפאלגען. אפשר איז די דאזיגע שנאה נאך שטארקער. מען גלויבט איהם נישט, אז ער האט זיך באמת געענדערט. מען איז איהם חושד, אז ער האט זיך בלויז פערמאסקירט, כדי ער זאל קענען בעסער אבנארען. דער זעלבער „יודע" נאר א פערשטעלטער און א פערמאסקירטער. געטרויט מען איהם נאך ווייניגער און פיינט האט מען איהם נאך מעהר.

ער אבער, דער ענטלאפענער יוד האט עס נעבעך געמיינט גאנץ ערנסט מיט זיין ענטלויפען. ער האט בלויז געזוכט זיך צו בעפרייען פון זיין אנדערשקייט. פערשטעהט ער נישט פארוואס ער ליידט. און ווייל ער פערשטעהט נישט פארוואס ער ליידט, זענען זיינע ליידען נאך שארפער און נאך וועהטאגדיגער. עס איז שווער צו ליידען אפילו פאר א זאך, וואס איז אייך ליעב און טייער. אבער עס איז פיעל, פיעל שווערער צו ליידען פאר א זאך וואס איז אייך נאך אינגאנצען פרעמד.

אין דעם ערשטען פאל, ווען איהר ווייסט פארוואס און צוליעב וואס איהר ליידט זענען די ליידען בלויז פיזישע. עס איז א פאגראם אויפ'ן גוף. אין דעם צווייטען פאל איז עס א דאפעלטער פאגראם. עס איז אויך א פאגראם אויף דער נשמה. אין דעם ערשטען פאל בעליידיגען איהם נישט די יסורים וואס מאכען דעם מענשען איידעלער, צו געברויכען א תלמודישען אויסדרוק. אין צווייטען פאל זענען די יסורים בעליידיגענד. זיי מאכען דעם מענשען פערבייזט און פערביטערט. אין ערשטען פאל האט דער ליידענדער לכל הפחות די בעפרידיגונג, אז ער איז א מארטירער, אז ער ליידט פאר זיינע איבערצייגונגען אדער פאר זיין אידעאל. אין צווייטען פאל קען ער זיך אפילו מיט דעם נישט טרייסטען. נישטא פאר איהם קיין טרייסט!

שלעכט און ביטער איז די לאגע פון אלע יודען, אבער נאך ערגער און ביטערער איז די לאגע פון דעם ענטלאפענעם יודען. ער ליידט נישט ווייניגער, און אפשר נאך מעהר, און דאס ערגסטע איז, וואס ער ווייסט נישט פארוואס ער ליידט...

דער היינט און דער מיטעלאלטער

אין זיין רעדע וואס דער געוועזענער פרעזידענט הובער האט געהאלטען מיט א קורצער צייט צוריק וועגען די רדיפות אויף יודען אין איצטיגען דייטשלאנד, האט ער די דאזיגע רדיפות פערגליכען מיט די רדיפות אויף יודען אין מיטעלאלטערליכען שפאניען. נאך איהם זענען געקומען אנדערע און האבען געמאכט דעם זעלבען פערגלייך.

דאכט זיך מיר, אז דער פערגלייך איז נישט קיין געראטענער. די יודען אין שפאניען האבען געהאט א ברירה, זיי האבען געקענט אננעמען דעם קריסטליכען גלויבען און בלייבען אין לאנד. א קליינער טייל פון זיי האט עס טאקי געטהון. צווישען זייערע אייניקלעך און אור-אייניקלעך, וואס האבען שוין לאנג פערגעסען זייער יודישען אבשטאם, געפינען זיך מסתמא א רעכט ביסעל אנטיסעמיטען... א צווייטער טייל אויך א קליינער, האבען אנגענומען דעם קריסטליכען גלויבען לפנים וועגען, און ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט זענען זיי ענטלאפען פון זייער געבורטס-לאנד און האבען זיך צוריקגעקעהרט צום יודישען גלויבען און צום יודישען פאלק.

דער גרעסטער טייל, דער גרעסטער רוב פון די שפאנישע יודען האט מיט שטאלץ צוריקגעשלייפערט דעם דאזיגען „פריינדליכען" אנבאט. זיי האבען נישט געוואלט אויפגעבען זייער גאט און זייער פאלק. זיי האבען גענומען דעם וואנדער-שטעקען אין זייערע הענד און האבען פערלאזען דאס לאנד, וואו זיי האבען געלעבט א סך יאהרהונדערטער און וואס זיי האבען ליעב געהאט נישט ווייניגער, ווי די עכטע שפאניער. זיי האבען פערלאזען דאס לאנד, זיך קיינמאל אהין נישט צוריקצוקעהרען. הונדערטער און טויזענדער פון זיי זענען אומגעקומען, הונדערטער און טויזענדער פון זיי זענען פערקויפט געווארען אלס שקלאפען, אבער אלע פון זיי האבען געהאט דעם שטאלצען בעוואוסטזיין, אז זיי טהוען א גוטע זאך, א גרויסע זאך, אז זיי זענען מארטירער, אז זיי געהען אויף קידוש-השם. דאס האט זיי געגעבען מוט און כוחות צו טראגען זייער שיקזאל מיט שטאלץ און ווירדע.

די שפאנישע יודען האבען געהאט א ברירה. די דייטשע יודען האבען קיין ברירה נישט. דער גירוש-דייטשלאנד איז פיעל ערגער און גרויזאמער, ווי דער גירוש שפאניען.

ווען עס קומט צו רשעות און נגישות קען זיך קיין לאנד נישט פערגלייכען מיט היטלער'ס דייטשלאנד.

יואל מאסטבוים

כופר נפש

(פאקטען און בילדער)

איך וואלט רעטען די אלע, וואס שטעהען מיט דער פלייצע צו ארץ-ישראל אויף א העלפט אדער אינגאנצען א בליק אריין טהון אין די לאבירינטען פון לעבען פאר אונזער אזוי שווערער צייט. כ'מיין קאסט א בליק טהון אין דעם ווינקעלע, וואס הייסט כופר נפש אום צו דערזעהען אויף ווי ווייט דער ישוב שטעהט ווי איין מענש געגען די שוין באלד דריי יאהר מלחמה, וואס עס פיהרט אזוי הארטנעקיג און שווער. אט לעבט אויפ'ן בעלקאן פון פענסיאן האטעל דעקארירט מיט פארביגע פאראסאלען בעליכטעטען שעה'ן אין די אוונדען מיט די פענסטער צום ים, זיצט א געזעלשאפט, ווי עס איז צו זעהן פון ווייטען פון א רייכען קלאס און פלוידערן פון וואס? פון די אלע עפיזאדען פון וועלכע עס רעדען טוריסטען וואס פאהרען ערשטע קלאס, וואוינען אין ערשטקלאסיגע האטעלען און מאכען רייזעס איבער דער וועלט.

צווישען די געזעלשאפט זעהט מען דא עטליכע עלטערע מענשען מיט זילבערנע קעפ רייך געקליידעטע מענער און פרויען. איינער א מאן אין א אויסלעג שטוהל מיט א ווארימער דעק ארום די פיס, האלט א צופייערטע סיגארעט צווישען די פינגער פון וועלכע עס פינקלען אראב די ברילאנטען פון א רונג א געדרעהטע ווי א שלאנג. געקומען איז ער פון באמביי און מיטגעבראכט דריי פיער וואליזען אין וועלכע מען ערקלערט אויפ'ן אויער, אז דארט ליגען ביינער פון א מאמעס קבר צו בעגראבען אין יודישען לאנד.

די מענשען פון פענסיאן אבסערווירען דעם אלטען מאן ערשטענס — זייער ווייסער האנדטוך—ארומגעהילט דעם קאפ ווי א שייך. צווייטענס די שלאנג מיט די ברילאנטען, וואס בליצען פון ווי ווייט. מען זאגט, אז ער הייסט שלמה נור רופען רופט ער זיך סעלים.

זאגען די מענשען, אז סעלים מיינט שלמה און די רונג איז נישט פון די היינטיגע צייטען, נאר עפעס אנ'איבערבלייבעניש פון ווייטע דורות, נאך פון שלמה'ס צייטען אפשר. ווייסט מען דא פון נאך עפעס, אז דער באמבייער עושר האט פיינד צו שפענדען געלד פתח אזוי און קיין חלוצי'שע צוועקען אינטערעסירען איהם איבערהויפט נישט, סיידען די קדישים און די ליכט אויף וועלכע ער האט שוין גענוג געלד אויסגעגעבען.

געגענאיבער זיצט אן'עלטערע פרוי מיט א הויך געקעמטען קאפ א זילבערנעם מיט ברילאנטענע שפילקעס וואס ציטערן מיט פארביגע פייערלעך אויף ווי ווייט, און אויף דער ברוסט הענגט א בראש פון פערל און ברילאנטען כל'ערליי וואס ציהען צו די אויפמערקזאמקייט פון מענשען ארום, אויך פון איהר פערזאן און איהר ציהרונג רעדט מען דא זעהר געהויבען. קודם כל שמועסען דא די אנטיקווארען אז דאס איז א ציהרונג פון די גאר אלטע ציהרונגען און פון ווערט איז גארנישט צו שמועסען. אט די פרוי, וועלכע מען רופט דא ליידי ראנדעל שטאמט פון א אלטער יודישער פאמיליע אין לאנדאן. געקומען איז זי פון א גרויסע וועלט-רייזע, לעצטענס טאקי פון קאלקוטא וואו זי האט זיך בעקענט מיט'ן אלטען מאן און דא זענען זיי ביידע ווי א פאר.

קיין סוף איז אבער אויך נישט דא, אז ליידי ראנדעל ווי „שלמה המלך" האט קיין אויג נישט פאר דער איצטיגער צייט און געקומען איז זי בלויז צו די יתומים פון דער אלט-שטאדט אהן סענטימענטען פאר די נויטען פון פאלק; דער עיקר זענען ביי איהר קינדער וואס האבען נישט קיין פאטער און קיין מוטער און פאר די זארגט מען דא האט זי איבערגעגעבען א סומע. עפעס אנדערש אינטערעסירט זי נישט.

נאר אט איז געקומען איינמאל צו א וויכטיגען מאמענט. די ביידע מאגנאטען וואס האבען גערעדט טאג מיט נאכט פון זייערע „טשאריטי" ענינים פון דער אלט-שטאדט בלויז, זענען צופעליגער-ווייזע געבליבען א פאר שעה ערגיץ אין א יודישער מושבה ביי א איבערפאל פון די כנופיות און דא האבען זיי, ווי מען שמועסט אין פענסיאן, איבערגעלעבט נישט נור זייער שרעק, זיי האבען אויך דערזעהן ווי אזוי עס האלטען זיך די העלדישע חלוצים אין מינוטען פון געפאהר. דער מאמענט, שמועסט מען האט „איבער-געבראכען" די אלטע לייט. צוגעלאזענער זענען זיי געווארען צו הערען און זעהען וואס דא קומט פאר און פון דאמאלס אן בלאזען דא אויך אנדערע ווינטען אין פענסיאן, דען דאס פערל האט אנגעהויבען רייסען די הויט פון יעדער „קארטען - שפיעל", פון יעדען טאנץ-אוונד שלעפען זיי עפיס אראב און פון יעדען חתונה-אוונד נעמען

וואס געהערט, וואס געזעהן.

אז מען קאן פון דער „צרה" נישט פטור ווערען...

אונזער יודישער אסימילירטער אינטעליגענץ געהט נישט די לעצטע יאהרען. פון זייערע חלומות זיך צו אסימילירען מיט דער ארומיגער בעפעלקערונג האט זיך אויסגעלאזט טאקי נישט מעהר ווי א חלום און ווען זיי שמד'ען זיך אפילו, בלייבען זיי ווייטער יודען.

עס זאגט זיך נאר אזוי יודען. אין שוהל אריין נאכ'ן שמד געהען זיי נישט. אויך זענען זיי פטור צו בעצאהלען עטאט פאר דער יודישער קהלה, אזוי, אז פון יודישען צעטיל ווערען זיי טאקי אויסגעשטראכען. וואס קומט אבער זיי ארויס, אז דארט, צווישען די גוים, האלט מען זיי ווייטער פאר יודען, אזוי ארום זענען זיי נישט קיין גוים און נישט קיין יודען.

אט האבען זיך ביי אונז אויך לעצטענס אבגעשמדט עטליכע פאר פעלקער. כאטש וואס פאר א יודען איינשטיינס געוואנט זענען זיי געוועזען? אסור צי זיי האבען געוואוסט, ווען מען בענשט אתרוג—חנוכה, צי שבועות. אויך האבען זיי נישט געהאט קיין אהנונג, ווער עס האט געשריבען די „קליאטשע" — שלום עש, בערגעלזאן... (דאס לעצטע ווייסען אויך נישט א סך נאציאנאלע יודען) נאר נישט דאס בין איך אויסען... יודען זענען זיי פארט געוועזען. האבען זיי אין א העלען טאג גענומען און האבען איבערגעדרעהט דעם פעלץ. זעהט מען דאך, אז זיי זענען פערשטעלט, טא ווי אזוי זאל מען זיי נעמען ערנסט? איז זייער לאגע טאקי א טראגישע.

כ'בעוויין נישט חלילה זייער גורל, כ'האב נישט פאר מיר אויסגעווארגט... נאר זיי זענען דאך פארט געוועזען מיינע ברידער, טאקי שלעכטע ברידער, אבער פארט אייגען בלוט און פלייש. ישראל אף על פי שחטא ישראל הוא און איצט האבען זיי ביידע וועלטען פערלוירען, טא צו וואס האט זיי געטויגט דער גאנצער עסק?

די נייע משומדים האבען נישט קיין גליק, וואלטען זיך זייערע אור-זיידעס צו אלדע גוטע יאהר כאטש געשמד'ט, וואלטען די אייניקלעך שוין געווען ריינע אריער (מיר האבען דאך היינט א סך אזעלכע צווישען די ענדעקעס און אנדער שונאי ישראלים), האבען אבער זייערע זיידעס נישט געוואלט פערזארגען די אייניקלעך, האבען זיי זיך געמוזט אליין שמד'ען, כדי צו פערזארגען זייערע אייגענע קינדער און קינדס קינדער, ד. ה., אז זיי פערריכטען די עלטערענס פעהלערען...

מילא, וואס עס וועט זיין אמאל, ווייסט מען נישט, דערווייל אבער, בזמן הזה, איז די פריש געבאקענע משומדים נישטא וואס מקנא צו זיין. אנ'אומגליק האט זיי געטראפען, זיי זענען געבוירען געווארען ביי יודען און קאנען פון דער צרה בשום אופן נישט פטור ווערען...

דער ריכטיגער אויסדרוק פון פערעהרונג.

פון בעלגיען איז דערהאלטען געווארען א ידיעה, אז א טשענסטאכאווער לאנדסמאן, ביי וועלכען עס איז געבוירען געווארען א יונגל, האט עס א נאמען געגעבען נאכ'ן היגען רב [redacted] נחום, און געטהון האט ער דאס, ווייל דאס יונגע פאר, וועלכעס האט חתונה געהאט אין טשענסטאכאוו, האט געהאט די זכייה צו בעקומען חופה וקידושין פון רב ז"ל און כדי צו פערעהרען דעם רב, וועלכער האט די עלטערען חתונה געמאכט, האבען זיי זייער ערשטען זוהן א נאמען געגעבען נאכ'ן רב [redacted] נחום.

זיי זענען לוויטשער...

נישט נאר די לוויטשער גופא האבען א שם אין דער וועלט, נאר אפילו די חסידים אין טשענסטאכאוו, וואס פאהרען צום לוויטשער רבין זענען פייער און לאזען זיך נישט בלאזען אין דער קאשע אריין.

אויף בערקא יאסעלעוויטשא 8 געפינט זיך א שטיבעל מיט חסידים, ד"ה אמאל זענען די אלע חסידים געפאהרען צו איין רבי'ן קיין סקערניעוויץ, נאר אזוי ווי די דינאסטיע האט זיך צוטיילט מיט'ן מלכות, איין רבי איז געבליבען ווייטער אין סקערניעוויץ און דער צווייטער — אין לוויטש, האבען זיך די חסידים אויך צוטיילט. א טייל פאהרען ווייטער קיין סקערניעוויץ און א צווייטער טייל פאהרט קיין לוויטש. און אזוי ווי די זעלבע חסידים האבען נישט קיין מעגליכקייט זיך צו דינגען בעזונדערע שטיבלעך, איז געבליבען, אז מען זאל ווייטער דאווענען אין איין שטיבעל. וואס זאל זיך רופען סקערניעוויצער—לוויטשער שטיבעל.

כדי עס זאל אבער נישט ארויסקומען קיין מחלוקות מיין רבי, דיין רבי, אז די חסידים זאלען נישט קאנען זאגען: איך האב דיך אין סקערניעוויץ, און דער ענטפער זאל זיין: האב איך דיך אין לוויטש... איז בעשלאסען געווארען, אז בעת אנ'עליה שבת צום ספר, מוז געמאכט ווערען מי שבירך'ס ביידע צדיקים. האט א סקערניעוויצער אנ'עליה, מאכט ער דעם ערשטען מי שברך זיין רבי'ן און באלד דעם צווייטען מי שבירך — דעם לוויטשער, און טאמער האט א לוויטשער אנ'עליה, איז פערקעהרט, מאכט ער צוערשט זיין רבי'ן א מי שבירך און דעם צווייטען מי שבירך — דעם סקערניעוויצער. והכל שריר וקים. אזוי האט זיך געפיהרט א לענגערע צייט און אלץ איז אדורך בשלום.

ויהי היום, יענע וואך שבת איז דאס געווען, איז געקומען אין אויבענדערמאנטען שטיבעל א לאדזער יוד, א סקערניעוויצער חסיד, אשר לא ידע את יוסף, וועלכער האט נישט געוואוסט פון דעם אבמאך און בעת אנ'עליה האט ער געמאכט א מי שברך נאר זיין רבי'ן דעם סקערניעוויצער, און ווען די לוויטשער האבען איהם אויפמערקזאם געמאכט, אז ער דארף אויך מאכען א מי שברך דעם לוויטשער, האט זיך דער לאדזער געטראכט איך האב אייך אין לוויטש און קיין מי שברך נישט געוואלט מאכען. נו, נו, האט איהם נעבעך שוין נישט געפעהלט קיין צרות. די בוכטשעס און סטוסאקעס, וואס ער האט באלד אריינגעכאפט, בין איך איהם מוחל, ערגער איז אבער געווען נאכ'ן דאווענען. דער פאלטען איז איהם אוועקגעקומען און א נעכטיגער טאג. עטליכע שעה האט דער לאדזער סקערניעוויצער חסיד זיך געמוזט ארומדרעהען ביז מען האט זיך אויף איהם מרחם געווען און צוריק אבגעגעבען דעם פאלטען.

אויך ביי שלוש סעודות, ווען דער לאדזער איז געקומען איבערבעטען די לוויטשער, האט ער אריינגעכאפט זיין פסק, זיי האבען איהם פשוט ארויסגעווארפען פון שטיבעל, למען ידעו, אז דער יוד זאל אנזאגען קינדער און קינד'ס קינדער, עד סוף כל הדורות, נישט אנצוהייבען מיט לוויטשער חסידים, ווייל — ווייל זיי זענען... לוויטשער...

פרייטאג אויף דער נאכט...

איהר קאנט דאך דאס לידעל „פרייטאג אויף דער נאכט איז יעדער יוד א מלך", איז אויב מען קאן דאס זאגען אין א פראסטען פרייטאג-צו-נאכטס, ווען דער יוד, דער הארעפאשנער יוד, וועלכער הארעוועט א גאנצע וואך, כדי צו קאנען מאכען שבת, זעצט זיך פרייטאג-צו-נאכטס צוזאמען מיט זיין בני-בית אוועק ביים טיש, וואו עס פינקלען די שבת'דיגע ליכט און עס פיהלט זיך א נשמה-יתירה'דיגע שטימונג, האט מען עס פערגאנגענעם פרייטאג-צו נאכטס אוודאי און אוודאי געקאנט זאגען.

אין דעם איינעם פרייטאג-צו-נאכטס

זיי ביי דער כלה און חתן א מאָס.

פאר דער לעצטער צייט האָט די לאָנדאָנער פרוי שוין פשוט גענומען רייסען פון די פינגער און קעשענעס, זאגט מען. ביי איינעם האָט זי אראָבגעריסען א סיגנעט, ביי א צווייטען א פאר אוירינג, ביי א דריטען א זילבערנע פאפיראָסען-פושקע.

ענדליך האָט פאסירט דאס, וואס עס האָט געזאָלט פאסירען. די לאָנדאָנער דאַמע האָט אראָבגענומען פון אַלטען מאַן די רינג און פון איהר ברוסט די בראָש.

איהר וואונש-פינגערל

פאר מיינע אויגען שוועבען בילדער, וואס טראָגען מיך אוועק ווייט ווייט צו די צייטען, ווען יודישע פרויען האָבען אוועקגעגעבען גאָלד און זילבער צירונג אפילו, ווען יעדעס צירונג האָט געטראָגען אין זיך א סימבאָל פון גליק אין אייגענעם לעבען. און איך וויל דאָ דערמאָנען א פאקט אַזעלכען, וואס מיר איז איהם אויסגעקומען צו זעהען.

אין הויז פון מיין פריינד געפינט זיך א עוזרת. די געשיכטע פון דער עוזרת הויבט זיך אָן אין 1933, ווען די מוטער א דאַרע תימנ'ער פרוי אין רויטע הויזען געפאַסטע צו די פיס און מיט קליידער פון סאמעט אויף זיך, האָט מיטגעבראַכט וואַשען פאַרלאַגעס אויך אַזאַ מיידעל מיט אַזעלכע רויטע הויזען און מיט בלעכענע רינגען אויף די פיס און הענד ווי די פעלאַכישע פרויען.

דאס ערשטע האָט דאס תימנ'ער מיידעלע גענומען אראָבוואַרפען די סמאַטעס פון די קליידער די בלעכענע רינגען און אויך די מאַניערען האָבען אנגעהויבען דאָ ווערען מעהר אונזערע היימישע. ביסלעכווייז איז אויך איהר דינער קערפער שלאנקער געוואָרען, אַנגענעהמער איחר שמייכעל און איהר לשון. ביים היינטיגען טאָג שטעהט דאָ א פרעכטיגע געשטאַלט, א בראָנזענער קערפער מיט געפאַקטע אַקסלען און נעטאַקטע הענד, וואס בעטען זיך אָביסעלע צירונג אויפ'ן אָרט פון די בלעכענע רינגען.

איינמאָל האָט מיר מיין פריינד'ס פרוי דערצעהלט, אַז די עוזרת איהרע איז א כלה געוואָרען מיט עפּיס א אשכנזישען בחור, א פקיד אין דעם משרד פון דער נעזעלשאַפט. און אום צו בעווייזען דעם אמת פון דער זאַך האָט זי געעפענט די סהיר פון דער זעהר זויבערער קיך מיט די אָריענטאַליש אויסגעהאַנגענע אויף די וואַנד חפצים, וואו עס זענען געשטאַנען דער טאַטע, די מאַמע איהרע און זי אַליין מיט א פינגערל, אויף וועלכען דער תימנ'ער יודעלע מיט דער ווייבערשער ספּודניצע האָט עדות געזאָגט, אַז דאס גאָלד פון פינגערל מוז זיין נאָר פון אליהו הנביא'ס וויין-בעכער.

די שמחה איז געווען גרויס. די ברידער און שוועסטער איהרע האָבען נישט אויפגעהערט צו בעזוכען די קיך, אייביג מיט ברכות און מיט געזאַנגען פון מזרחישע לידער און אַלע מאָל האָט מען בעטראַכט און בעוואונדערט דעם רינג אויפ'ן פינגער. און אויך די עוזרה האָט זיך שטאַרק געפרעהט, דערמאָנענדיג זיי, אַז אויסער דאס פינגערל בעקומט זי א זייגערל און נאָכ'ן זייגערל קומט די חופה און ערשט רעכט קומט דאס קדושין פינגערל.

א וויכטיגער מאָמענט איז אריינגעקומען אין לעבען פון דער עוזרה. די ברידער, שוואָגערס און שוועסטער-קינדער זענען געוואָרען גאַפּירים. קיין עוזרה איז דאס מיידעל שוין נישט מעהר, נור וואס זי קומט אַפּט צו דער בעל-הבית'טע זיך פערטרויען פאר איהר: דער און דער ברודער איז אוועק אויף שמירה דאָרט און דאָרט און דער און דער שוואָגער איז אויפ'ן קאַמפּס-פלאַץ אין דער און דער מושבה. דערווייל איז פאָרגעקומען א חתונה. דער מאַן איז אין דער הגנה און אויך זי אַרבייט מיט מיט איהם.

עפּעס איינמאָל איז זי אַרויפגעקומען מיט א בשורה טובה, אַז איהר איז געלונגען איצט איבערצוגעבען זיך אינגאַנצען פאר'ן „כופר הישוב", דאס איז געוועזען פאר איהר א פולשטענדיגע סאַטיספאַקציע, זי האָט דערצעהלט מיט גרויסע איבערראַשענדע בליקען פון די אַלע תכשיטים, וואס דער משרד האָט בעקומען פון אַזעלכע און אַזעלכע מענשען און אפילו פון אָרימערע ווי פון די, פון וועלכע זי האָט דערצעהלט. נור אין דעם מאָמענט האָט די פרעגענדיגע בעל-הבית'טע איהר אָנגעכאַפּט ביי דער האַנד מיט א פראַגע פון שטוינען:

ווּאו האָסטו עפּעס דאס גאָלד פון דיינע הענד?

די תימנ'ער יונגע פרוי האָט א שמייכעל געטהון?

– גלויבט איהר, אַז איך זאָל אין אַזאַ צייט לאָזען גאָלד אויף מיינע הענד? ניין, מיין טייערע, דאס גאָלד איז פון מיר שוין לאַנג אַוועק, איצט געה איך זוכען גאָלד פון אַנדערע הענד.

MATURZYSTA udziela lekcji, korepetycji w zakresie 4 klas gimn. oraz hebrajskiego i przedmiotów judaistycznych. Wiad. w redakcji.

גלייכווערטלעך פון דער סדרה

פון יחיאל טשענסטאכאווער

בשלח

ויקח משה את עצמות יוסף עמו

להראות חכמתו וחסידתו של משה שבשעה שכל ישראל עוסקים בבזה נתעסק משה בעצמות יוסף (מכילתא י"ג)

דער פסוק ווייזט אונז די חכמה און פרומקייט פון משה רבינו אין דער צייט ווען אַלע יודען האָבען זיך פערנומען מיט'ן באָרגען גאָלד און זילבער ביי די מצרים, האָט משה זיך מתעסק געווען מיט יוסף'ס טויטע ביינער (מכילתא).

שטעלט זיך א פראגע: מילא חסידתו של משה, קען מען פערשטעהן. א מענש, וועלכער האָט פאר זיך צוויי מצוות, איינע פון „וישאלו" נעמען געלד, א צווייטע–צוואת שכיב מרע נעמען טויטע ביינער און ער קלויבט זיך אויס די צווייטע מצוה, ווייל קיינער וויל זיך צו דער מצוה נישט נעמען, הייסט עס טאַקי חסידות. אָבער וואס פאר א חכמה איז דערביי? צי זענען דען טויטע ביינער בעסער ווי געלד?

נאָר דער פשט קען זיין אזוי:

משה האָט דורך די פיעלמאַליגע אינטערוועניען ביי פרעה'ן געהאַט א סך פראַקטיק. נישט איינמאָל איז ער שוין געווען מיט פרעה'ן פערטיג, דאס ער לאָזט ארויס די יודען, די לעצטע מינוט אָבער האָט ער חרטה געקריגען און זיין דעקרעט צוריקגעצויגען. יעצט, ביי די מכה פון „בכורות", ווען פרעה איז געקומען אין מיטען דער נאַכט צו משה'ן און געשריגען: שוין זאָלען די יודען פערלאָזען דאס לאַנד: כי גרשו ממצרים, האָט משה נישט געוואָלט מאַכען קיין לאַנגע שהיות צוזאַמענקלויבען דאס ביסעל יודען און וואַנדערען איידער פרעה וועט זיך ווידער מיישב זיין. ליידער אָבער האָט ער די יודען נישט געקענט ארויסקריגען פון די מצרי'שע וואוינונגען, וואו זיי זענען געווען פערנומען מיט'ן קלויבען גאָלד און ברילאַנטען. משה איז געווען פערצווייפעלט וואס טהוט מען, דאס די יודען זאָלען ארויס פון מצרים, ווען עס איז נאָך צייט? איז ער געפאַלען אויף אַנ'המצאה. ער האָט אויפגעגראָבען יוסף'ס קבר, ארויסגענומען דעם ארון, צוזאַמען מיט זיין ברודער אהרן נעטראָגען איהם איבער די גאַסען פון מצרים, אזוי, אז עס האָט אויסגעזעהען ווי א לוי'.

געוועהנליך א יוד, אז ער זעהט א לויה', ווען עס זאָל זיך איהם טרעפען דאס בעסטע געשעפט, וועט ער עס לאָזען שטעהען און נאָכגעהען ד' אמות, ווער שמועסט נאָך ביי אזא לוי', וואו דער ארון איז פון גאָלד און די מתעסקים משה מיט אהרה'נען, האָבען אַלע איבערגעלאָזט דאס גאָלד און זילבער און נאָכגעגאַנגען מלוה זיין דעם מת. אזוי האָט זיי משה געפיהרט ביז איבער'ן ים. דאָס הייסט: חכמתו של משה–דורך די חכמה האָט ער זיי אַרויסגעקריגען פון מצרים, ווייל ווען עס דויערט נאָך אַביסעל, וואָלט פרעה זיי שוין נישט אַרויסגעלאָזט.

וד' הולך לפניהם

דעם גאַנצען וועג, וואס די יודען זענען געגאַנגען אין דער מדבר, האָט זיי גאָט געשיצט: יומם–ווען עס איז זיי געווען גוט, ליכטיג, האָט ער זיי פערדעקט בעמוד ענן, וועלכער זאָל זיי פערשטעלען פאַר די אומות עולם, דאס זיי זאָלען די יודען נישט מקנא זיין, ולילה–ווען עס איז זיי שלעכט געווען, ווען מ'האָט זיי גע'רודפ'ט און אָנגעטהון צרות–בעמוד אש להאיר להם–מיט דעם עמוד אש, וועלכער זאָל זיי צולייכטען, טרייסטען אין זייער ביטערער לאַגע.

מה זאת עשינו כי שלחנו את ישראל מעבדנו

ווען די יודען זענען געווען אין מצרים האָט פרעה געזאָגט נרפים הם– זיי זענען פוילענצער, ליידיג געהער, ליכוויאַזשעס, ווילען נישט ארבייטען ויקוצו מפני בני ישראל–עס איז די מצרים מאוס געוואָרען פאַר די יודען. ווי נאָר אָבער זיי זענען ארוים פון דאָרט, האָט שוין פרעה געשריגען: מה זאת עשינו כי שלחנו את ישראל מ ע ב ד נ ו.–וואס האָט זיך מיט אונז געטהון, וואס מיר האָבען אוועקגעלאָזט אַזאַ ארבייטזאַם און פעהיג פאָלק.

ויצעקו בני ישראל אל ד'

פאַרוואָס האָט זיך דער ים נישט געשפּאָלטען גלייך ווען די יודען זענען צו איהם צוגעקומען, נאָר ערשט שפּעטער, ווען זיי האָבען זיך געוואָנדען צו גאָט? דער ענין שטעלט זיך אזוי פאָר: ווי רש"י זאָגט, האָט דער רבש"ע זיך אויסגערעדט א תנאי מיט'ן שר של ים, אז ער זאָל די יודען אַדורכלאָזען. געוועהנליך איז דעם שר פאַרגעשטעלט געוואָרען דער „צלם אלקים", ווי אזוי א יוד זעהט אויס מיט א באָרד און פאות און יודישע מלבושים אויסגעלאָזט האָט זיך אָבער אַנדערש, אזוי ווי די יודען האָבען זיך געבאָרגט ביי די מצרים כלי כסף וכלי זהב ווי אויך ש מ ל ו ת, האָבען זיי זיך לכבוד יום טוב אָנגעטהון די מצרי'שע קליידער, דעריבער זענען צום ים אָנגעקומען יודען אין צילינדער-הוטען, שוואַרצע פראַקען, ענליך צו די מצרים. דער שר של ים, וועלכער האָט דערזעהן צוויי גרופּען, די יודישע ווי אויך אָביסעל ווייטער די מצרי'שע, האָט זיך געטראַכט: הללו והללו עובדי ע"ז און אָנגענומען דאָס ביידע גרופּען זענען מצרי'שע און זיי נישט אַדורכגעלאָזט. ערשט ווען עס האָט אָנגערוקט דער זמן מנחה און די יודען האָבען זיך געשטעלט דאַווענען: ויצעקו בני ישראל אל ד'–האָט ער פערשטאַנען דאס די, וועלכע שטעהען ביים ים זענען דאס די יודען און טאַקי געשפּאָלטען דעם ים, בכדי זיי זאָלען אַדורכגעהען.

והמים להם חומה

אין ניקאָלאי'ס צייטען איז אין פּעטערבורג געווען יודען פערבאָטען צו וואוינען. עס האָבען נאָר בעקומען דאָרט וואוין-רעכט אַזעלכע, וואס האָבען געהאַט ספּעציעלע פּריווילעגיעס.

מיט אַנ'ערך 50 יאָהר צוריק האָט זיך אין פּעטערבורג געפונען א גרופּע משכילים מיט וואוין-רעכט, צווישען וועלכע עס איז אויך געווען דער פּראָפעסאָר דניאל כוואָלסאָן.

יעדען שבת איז זיך די אויבענדערמאָנטע גרופּע אין דער צאָהל פון אַנ'ערך צעהן פּערזאָן צוזאַמענגעקומען ביים דאָרטיגען רב ר' יצחק בלאָזער ז"ל און עוסק געווען אין דברי תורה ווי אויך שיחת חולין. צוליב פערשידענע סיבות האָט זיך כוואָלסאָן גע'שמד'ט.

א שבת נאָך כוואָלסאָנ'ס שמד איז ער ווי שטענדיג געקומען צום רב און געוואָלט ווייטער אָנטייל נעמען אין די דיסקוסיעס. דער רב האָט איהם פערבאָטען זיין שוועל איבערצוטרעטען.

אויף דער פראגע פון כוואָלסאָנ'ען מיט וואס ער איז היינט אַנדערש ווי פריהער, בעמערקענדיג: עד שלא „נוצרתי" איני כדאי–בעפאַר איך האָב מיך גע'שמד'ט בין איך אויך נישט געווען קיין פרומער יוד, ועכשיו „שנוצרתי" כאלו לא נוצרתי–און אויך יעצט בין איך ווייטער דער זעלבער יוד, ווי געווען, און ווייזענדיג אויף זיינע חברים, צוגעגעבען: אויך זיי, וועלכע איהר טאָלערירט זענען נישט קיין גרעסערע צדיקים ווי איך. דעריויף האָט דער רב געענטפערט: והמים להם חומה–דאס ביסעל וואַסער, מיט וועלכען איהר האָט זיך געלאָזט בעגיסען און זיי נישט, איז די מויער צווישען אונז. ישראל אף על פי שחטא ישראל הוא, אזוי לאַנג ווי ער האַלט זיך אין דער אמונה, איז ער א יוד, מיט דער מינוט אָבער, ווען איהר האָט זיך געלאָזט בעשפּריצען מיט'ן וואַסער, וויל איך אייך מעהר נישט האָבען ביי מיר.

האָט דער טשענסטאכאווער יוד זוך געקאָנט אויסקלויבען צו געהן זיך ווייילען אויף דריי יודישע פערוויילונגען, א זאַך, וואָס פּאַסירט זעלטען ביי אונז אין שטאָדט.

קודם כל האָט גאַסטראָלירט אין טשענסטאָכאָוו דער בעוואוסטער אַרטיסט אַלעקס שטיין מיט זיין טרופּע און אויפגעפיהרט „יוד דיס". וואָס איז היינט זעהר אַקטועל; דאַן האָט דאס קינא „באַלטיק" דעמאָנסטרירט דעם יודישען פילם „מאַמעלע" און אויב דאס איז וועניג, האָט נאָך דער צענטראַל-ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען אָנגעדינגען אויף דעם זעלבען פריימאָג-צו נאַכטס א פאָרשטעלונג אין שטאָדט-טעאַטער. אמת, דאָרט האָט מען שוין געשפּיעלט פּויליש. די בעזוכער אָבער זענען געווען אויסשליסליך יודען.

אַנ'אָבשאַצונג און בעמערקונגען וועגען די אויפפיהרונגען און אימפּרעזעס פון יענעם פריימאָג-צו-נאַכטס, ווילען מיר דאָ נישט געבען. דאָס פאָדערט זיך א בעזונדערע אָבהאַנדלונג, דאָ אָבער ווילען מיר נאָר פעסטשטעלען, אַז דאָס איז שוין געווען איינמאָל א פריימאָג-צו-נאַכטס.

צום סוף ווילען מיר נאָך בעמערקען און דאָס איז דער עיקר, אַז אַלע דריי אימפּרעזעס פון יענעם פריימאָג-צו-נאַכטס זענען נעקרוינט געוואָרען מיט ערפאָלג, אומעטום איז געווען איבערפולט, אַזוי אַז מיר קאָנען זיין צופרידען, אַז פרעך דעם, וואס מען האַלט אין איין האָוקען אויף יודען, ווערען מיר דאָך נישט פערצווייפעלט, נאָר מיר בעווייזען, אַז מיר זענען ווערטפולע מענשען, וועלכע זאָרגען נישט נאָר בלויז פאר'ן גוף, נאָר אויך פאר דער נשמה.

די אזוי-גערופענע אינטעליגענץ האָט מען טאַקי אויף די אַלע דריי אימפּרעזעס נישט געזעהען. דער טייוועל ווייסט זיי, וואס זיי טהוען אין אזא אָדער אין אַנ'אַנדערען פריימאָג-צו-נאַכטס. מען טרעפט זיי זעלטען אפילו אין פּוילישען טעאַטער. מעגליך, אַז זיי האָבען נישט קיין צייט, זיי מוזען זיך אפשר גרייטען צום שמד, אזוי ווי ס'איז לעצטענס אין דער מאָדע... אָבער וואס דאַרף איך פאַר זיי זאָגען, זיי זאָרגען אויך נישט פאַר מיר... אונזערע יודישע יודען האָבען אָבער געהאַט דעם אמת'ן פריימאָג אויף דער נאַכט...

א רחמנות אויף די לעלעווער נעביך...

אין קרוין-פּוילען געפינט זיך א שטעדטיל, גרויס ווי א גענעץ (מען געניצט דאָרט א גאַנץ יאָהר), הייסט עס לעלוב. האָט דאָרט אמאָל געלעבט א רבי ר' דודל לעלעווער, צום גליק פון די לעלעווער יודען איז דער רבי אויך דאָרט נפטר געוואָרען און פון דאמאָלס אָן קומען אין טאָג פון דער יאָהר-צייט (זי פאַלט אויס ז' שבט), הונדערטער חסידים מארבע פנות ה'פּוילען אויפ'ן קבר פון צדיק ר' דודל לעלעווער.

די לעלעווער יודען גרייטען אויף דאמאָלס אָן מאכלים ומשקאות, אויך א מקום ללון פאַר די אורחים און א דאַנק דער יאָהרצייט האָבען זיי פרנסה אויף א גאַנץ יאָהר, ווארום קיין אַנדערע פרנסות האָבען זיי נישט נעביך די לעלעווער יודען.

אזוי פיהרט עס זיך מקדמונים, אַנ'ערך פון הונדערט צוויי און צוואַנציג יאָהר, זינט ר' דוד'ל לעלעווער איז נפטר געוואָרען.

דער ז' שבט האָט אָבער א מיאוס'ע טבע, ער האָט ליעב זעהר אָפט אויסצופאַלען אין א פרייטאָג'דיגען טאָג, דאמאָלס איז שוין אָביסעל ערגער, ווייל די יאָהר-צייט פאָהרער איילען זיך נאָך אהיימצופאָהרען אויף שבת. פונדעסטוועגען לייגט מען נישט צו זיי צו דער גאַנצער ירושה, הייי יאָהר אָבער איז געשעהן א גרויסער מכשול, די יאָהר-צייט איז טאַקי אויסגעפאַלען אויך אין פרייטאָג, וואס איז נישט אזוי גינסטיג, אזוי ווי מיר האָבען אויבען בעמערקט, נאָר אפילו דאס האָט אויך נישט געטויגט.

צוליעב דער טיפוס-עפּידעמיע, וואס הערשט אין יענע מקומות, האָט די פּאָליציי נישט ערלויבט די יודען אריינצופאָהרען קיין לעלוב און אַלע אויטאָס און פיהרלעך (קיין באַהן געהט נאָך אַלץ קיין לעלוב נישט צו) האָבען זיך געמוזט אומקעהרען מיט די חסידים נישט קאָנענדיג צוקומען צום קבר אפילו.

אייך איז מסתמא א רחמנות, אויף די יודען, וועלכע זענען פערשוואַרצט געוואָרען פאָהרענדיג אויף פיהרלעך * און אויסאָס פון ווייטע מקומות און האָבען נישט דערגרייכט זייער ציעל, מיר אָבער איז מעהר רחמנות אויף די לעלעווער יודען נעביך...

דער „טאָז" ארבייט מעשים...

אין אָנהויב פון דער „טאָז"-גרינדונג האָט זיך קיינער נישט פאָרגעשטעלט, אַז די דאָזיגע אינסטיטוציע וועט אויסוואַקסען צו אזא גרויס ווי זי איז היינט.

דער „טאָז" אין פּוילען איז היינט-צו-טאָג איינע פון די בעדייטענדסטע אינסטיטוציעס צו וועלכע עס זענען געווענדעט די אויגען פון דער יודישער געזעלשאַפט. דער „טאָז" האָט אויך גרויס אָנזעהן ביי די מלוכה'שע אינסטאַנצען.

דער טשענסטאָכאָווער „טאָז" שפּילט די ערשטע פידעל אויפ'ן געביט פון געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט אין טשענסטאָכאָוו גופא, ווי אויך אין דער אַרומיגער געגענד. טרעפט ערגיץ וואו א צרה ווענדעט מען זיך צום „טאָז" און נישט נאָר יודען נאָר אויך מלוכה-אינסטיטוציעס שענקען גרויס אויפמערקזאַמקייט דער טעטיגקייט פון טשענסטאָכאָווער „טאָז" און ווענדען זיך ביי געלעגענהייטען וועגען הילף.

די לעצטע יאָהרען ווייזט אָבער דער היגער „טאָז" אונטער דער לייטונג פון ר' יעקב ראָזינער מיט זיין אַדיוטאַנט ליבער ברענער ארויס ממש וואונדער פאַר'ן געזונד-וועזען פון די אָרימסטע אומגליקליכסטע יודישע קינדערלעך; דאס אָבהיטען די קינדער פון קראַנקהייטען, די בעשפּייזונגס-אַקציע און דער עיקר–די קאָלאָניע אַקציע.

דער „טאָז" אָרדענט שוין איין קאָלאָניעס נישט בלויז אין זומער, נאָר אויך אין ווינטער, אזוי איז למשל איינגעאָרדענט געוואָרען א ווינטער-קאָלאָניע אין בלאַכאָווניע אין רייכער'ס-ווילע.

די וואָך איז פאָרגעקומען דאס פיי-ערליכע שליסען פון דער קאָלאָניע אויף וועלכע ס'האָבען זיך געפונען ביז הונדערט און צוואַנציג קינדערלעך פון טשענסטאָכאָוו און אומגעגענד ווי אויך פּליטים-קינדער. צו דער פייערונג זענען געקומען א סך דעלעגאַציעס מיט'ן דירעקטאָר פון דער אובּעזפּיעטשאַלניע און יוגענד. די פייערונג איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין א גרויסען יום טוב פון דעם יודישען אָרימען קינד, וועלכעס ווערט גע-פּפלעגט און געפינט שוץ אונטער די פליגלען פון טשענסטאָכאָווער „טאָז".

עס פרעהט דאס האַרץ, צוקוקענדיג זיך צו דעם אַלעם; עס פרעהט נאָך מעהר, וואס כאָטש אויף דעם געביעט ווערט ביי אונז נישט געפיהרט קיין קלייזעל-פּאָליטיק, נאָר די „טאָז"-לייט פיהרען געוויסענהאַפט אויס אזא היילינע עבודה ווי אָבהיטען דאס געזונד פון יונגען יודישען דור.

חער „טאָז" ארבייט מעשים...

לויתן

פייערליכע שליסונג פון דער ווינטער-„טאָז" - קאָלאָניע אין בלאַכאָווניע

אויפ'ן געביעט פון איינאָרדנען זומער האַלב-און-גאַנץ-קאָלאָניעס, האט שוין דער היגער „טאָז" א שם נישט בלויז ביי אונז אין שטאָדט, נאָר ווייט און ברייט אויסער אונזערע גרעניצען, אפילו אין דער צענטראַלע, אין ווארשע, רעדט מען מיט אנערקענונג און שטאָלץ וועגען די גרויסע אויפטוהען און לייסטונגען פון דער היגער אָבטיילונג.

וועגען אָרגאַניזירען א ווינטער-קאָלאָניע האט מען קיינמאָל גארנישט געוואָגט צו טראַכטען אפילו. דאס איז דערפאַר, ווייל אזאַ זאַך איז פערבינדען מיט גרויסע שוועריגקייטען. דאך האט די „טאָז"-לייטונג געפרובט דעם ווינטער צום ערשטען מאָל אָרגאַניזירען אזאַ קאָלאָניע און מען מוז זאגען דעם אמת, אז דער עקספערימענט איז פולשטענדיג געלונגען.

אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן פערענדיגען די קאָלאָניע, האט די „טאָז"-לייטונג איינגעאָרדנט פערגאַנגענעם זונטאַג אנ'אויספלוג קיין בלאַכאָווניע, צו וועלכער ס'זענען איינגעלאַדענט געוואָרען די היגע פרעסע-פאָרשטעהער, דער דירעקטאָר פון דער היגער אובעזפיעטשאַלניע, פאָרשטעהער פון דער קהלה, געזעלשאפטליכע טוער, א רייהע דאָקטוירים, קינדער-דעלעגאַציעס פון די גימנאַזיעס און פאָווסעכנע שולען א.א., וועלכע האבען געדאַרפט זעהען און זיך איבערצייגען, ווי אזוי די קינדערלעך פערברענגען זייער צייט אויף דער פרישער ווינטער-לופט.

צו דער בעשטימטער צייט נאָכמיטאָג, זענען פון „טאָז"-לאָקאַל אָבגעפאָהרען אין דער ריכטונג קיין בלאַכאָווניע, צוויי געדינגענע אויטאָבוסען מיט די איינגעלאַדענע געסט.

פריידיגע אויסגעשרייען פון זאָרגלאָזע קינדער און יוגענדליכע, עמפאַנגען אונז ביים אריינגאַנג אין דער קאָלאָניע, וועלכע געפינט זיך אין די שעהנע, ציכטיגע און קאָמפאָרט צימערן פון ה' רייכער'ס ווילע.

שוין דאס אליין, די סאַלאַנדלעך, די ערומיגקייט, די לופט — מאַכט אויף אונז א שטאַרקען איינדרוק. דאַרף מען דאך וויסען, אז דאס זענען בלויז קינדער פון דער גרעסטער יודישער נויט און דלות, קינדער פון קעלער-שטובען און פאַציאַטקעס מיט בלייכע באַקען און אויסגעלאָשענע אויגען, וועלכע ווערען זומער דערשטיקט פון היץ און שטויב און ווינטער געפרוירען פון קעלט. וואס עס בעדייט אין ווינטער פאַר אזעלכע קינדער פיער וואָכען אָפּרוה אין אנ'אַנדערער סביבה, אַנדערע פלעגע — איז איבריג צו זאָגען.

די פייערונג הויבט זיך אָן מיט א קינדער-פאָרשטעלונג, וועלכע איז צוגעגרייט און איינשטודירט געוואָרען דורך דעם לעהרער פערסאָנאַל: פרוי ברענער, פרל. שענפעלד, יאַרקאָוויזנאַ, רעגינאַ וואָזשעכאַ, געניאַ בערקאָוויטש, לעאָשאַ וויינבערג.

די פאָרשטעלונג, וועלכע איז אדורך מיט דעם געהעריגען ערפאָלג, האט אויף די געסט געמאַכט א גוטען איינדרוק. עס זענען צווישען אנדערע אויסגעפיהרט געוואָרען ריטמישע טענץ, געזאַנג, גימנאַסטיק, דעקלאַמאַציעס. די קאָסטיומען זענען געוועזען ענטשפּרעכענד צוגעפּאַסט צו די נומערן און מיט עסטעטישען געשמאַק אויסגעפיהרט. דעם שבת קומט שוין געוויס די לעהרער און אויפזעהער. אויך די מיניאַטור-צייטונג, אין וועלכער די קינדער האָבען אין אַרטיקלען אַרויסגעזאָגט זייערע געדאַנקען און מיינונגען וועגען דעם רייץ און בעדייטונג פון אַזאַ קאָלאָניע — איז געוועזען געלונגען.

נאָך דער פאָרשטעלונג נעמט דאס וואָרט ד"ר גוטמאַן, וועלכער רעדט אין נאָמען פון אָבוועזענדען פרעזעס ד"ר סט. קאָהן און בעגריסט אין דער ערשטער רייה דעם דירעקטאָר פון דער אובעזפיעטשאַלניע ה' מיכאַלקאָווסקי, פאָרשטעהער פון דער קהלה ה' וו. זשעריקער, די פרעסע, דעלעגאַציעס פון די שולען און אלע געסט, וועלכע ווייזען אַרויס א וואַרימען אינטערעס פאַר אָט די קאָלאָניעס. אין דער קאָלאָניע — זאָגט ווייטער ד"ר גוטמאַן — געפינען זיך 110 קינדער, צווישען וועלכע ס'זענען דאָ אויך א טייל קינדער-פליטים, ווי אויך א געוויסע צאָהל פון זאָוויערטשע. דער טאָג-פּראָגראַם נעמט אַרום אַלע מינים ווינטער-פאַרוויילונגען, ווי: גליטשען זיך אויפ'ן אייז, שליטענס, שפּאַצירען און אַלץ, וואס ס'קען נאָר די קינדער פאַרשאַפען פרייד.

אין נאָמען פון די דעלעגאַציעס און קינדער פון די פאָווסעכנע שולען, נעמט א וואָרט דער שילער פון דער פאָווסעכנע שולע נר. 15 יעקב בענדעט, וועלכער בעגריסט אין האַרציגע ווערטער די איניציאַטיוו פון אזאַ ווינטער-קאָלאָניע און זאָגט צוו. אנד. אַז קיינער נישט אזוי ווי מיר שול-קינדער וויסען אָבצושאַצען די גרויסע וויכטיגקייט און בעדייטונג פון דער זאַך. אלס אנערקענונג פאַר דער ארבייט פון „טאָז" אויף דעם געביעט גיבען מיר איבער אויף איהר האַנד 10 זלאָטעס צו דעם צוועק, וואס מיר האָבען צווישען זיך צונויפגעזאַמעלט פון 'גראָשענס.

די פאַרזאַמעלטע, טיעף גערירט פון דעם שילערס ערקלערונג, בעשענקען איהם מיט הייסע אַפּלאָדיסמענטען.

נאָכ'ן פערענדיגען דעם אָפיציעלען טייל פון דער פייערונג ווערען די געסט פערבעטען אויף קוכען און קאַווע און די קינדער בעקומען פאַמעראַנצען מיט צוקערוואַרג.

נאָכ'ן בעקוקען די איינריכטונגען, די צימערן, די קינדער-בעטלעך — פאַרלאָזען די געסט אין א געהויבענער שטימונג בלאַכאָווניע, זייענדיג צופרידען פון דעם אַלעם, וואס מען האט דאָרט געזעהען.

דער ערשטער אַרויספאָהר פון דעם היגען „טאָז" איינצואָרדנען אזאַ קאָלאָניע האט זיך הונדערט פּראָצענטיג איינגעגעבען הן אָרגאַניזאַציאָנעל און הן מאָראַליש.

הלואי ווייטער אזוי.

מ. קויפמאַן.

לעצטע 3 פאָרשטעלונגען!

דער דראַמאַטישער אַנסאַמבל אונטער דער קינסטלערישער לייטונג פון אַלעקס שטיין געזעגענט זיך מיט טשענסטאָכאָוו

נאָכ'ן צוריקקומען פון פּראָווינץ, צוליב דעם וואס דער פּייערלצשער-זאַל איז פערנומען מיט בעלער ווערט געשפּילט אין „מכבי"-זאַל, קאַטעדראַלנע נר. 13. היינט, פרייטאָג 9 אָווענד צום 4-טען מאָל אויפ'ן פערלאַנג פון פּובליקום דער גרויסער שלאַגער „יאָשע קאַלב". מאָרגען, שבת 2-30 בייטאָג צו ביליגע פּרייזען „יוד זיס". זונטאָג 9 א זייגער אָווענד צום געזעגענען דאס גרויסע מייסטערווערק פון לעאָניד אַנדרעיעוו אין 4 אַקטען „דער גרויסער געדאַנק". שבת אָווענד ווערט נישט געשפּילט. דערביי איז כדאי צו בעמערקען, אַז די פּרייזען זענען שפּאָט ביליגע: אין אָווענד פון 70 גר. ביז 2 זל. און בייטאָג פון 55 גר. ביז 1,50. ס'איז צו האָפען, אַז דער טשענסטאָכאָווער טעאַטער-עולם וועט קומען געזעגענען די קינסטלער און מאַסענוויין אָנפילען דאס טעאַטער.

בילעטען שוין צו בעקומען אין דרוקעריי פון ה' באַטשאַן, פרייטאָג פון 6 און שבת פון 11 פריה ביי דער קאַסע.

פון קליינע גראָשענס - גרויסע קאַפּיטאַלען

דער שכל און די זאָרג פאַר'ן אייגענעם אינטערעס הייסען אונז געדענקען נישט בלויז וועגען היינטיגען טאָג, נאָר אויך וועגען מאָרגען. אויפ'ן ביישפּיל פון פּ.ק.אָ., אונזער גרעסטע אָבשפּאָרונגס אינסטיטוציע, זעהען מיר דייטליך, ווי פון קליינע סומעס ווערען ריזיגע קאַפּיטאַלען, וואס פערגרעסערן דעם וואויל פון יחיד און כלל.

דאס פערגאַנגענע יאהר האט פּ.ק.אָ. ווייטער פערברייטערט דעם פערנעהם פון אָבשפּאָר-טעטיגקייט. צו די מיליאָנען אָבשפּאָרענדע איז אין 1938 צוגעקומען נאָך א האַלב מיליאָן. א דאַנק דעם איז די צאָהל שפּאָרער איבערגעשטיגען 3,4 מיליאָן און יעדער 10 טער בירגער האט א פּ.ק.אָ. שפּאָר ביכעל. בעזיצער פון די שפּאָר ביכלעך זענען פערזאָנען פון אלע סאָציאַלע שיכטען, וואס עס איז גורם, אז די אָבשפּאָרונגען אין פּק"אָ האָבען אנ'אַלגעמיינעם כאַראַקטער. ווען מיר וואַרפען א בליק אויף צוריק, בעקומען מיר דאס בעסטע בילד פאַר די רעזולטאַטען פון דער פּק"אָ-טעטיגקייט. לאָמיר למשל נעמען די יאָהרען 1928 און 1938. אין אָט די צעהן יאהר האט זיך די צאָהל שפּאָר-ביכלעך פערגרעסערט מיט העכער 3 מיליאָן, און די סומע אָבגעשפּאָרטע סומעס מיט 666 מיליאָן זל.

דער טשעק אומזאַץ פון פּק"אָ איז איינע פון די נוצליכסטע ערלייכטערונגען פאַר'ן ווירטשאַפטליכען לעבען. אין 1936 האט דער אַלגעמיינער טשעק-אומזאַץ דערגרייכט כמעט 33 מיליאַרד זל. 76 פּראָצ. פון אומזאַץ איז געוועזען אָהן מזומנים. דורך איבערגיסען פון איין קאָנטאָ אויפ'ן אנדערן, וואס עס האט א גרויסע חשיבות, עיות דער דאָזיגער מין אומזאַץ ווערט דורכגעפיהרט קאָסטענלאָז.

די סומען אויף די שפּאָר-ביכלעך און טשעק קאָנטאָ'ס האָבען צוזאַמען אויסגעמאַכט 1094 מיליאָן זל., בעת מיט 10 יאהר צוריק האָבען זיי סך-הכל בעטראָפען 316 מיליאָן. ווי האט פּק"אָ געבעל-הביתעוועט מיט די איהר אָנגעטרויטע קאַפּיטאַלען? אויף דער פראַגע האט געגעבען אנ'ענטפער דער דין-וחשבון, וועלכען דער פּרעזעס פון פּק"אָ דר. גרובער האט אָבגעגעבען אויף דער פרעסע-קאָנפערענץ פון 28 יאַנואַר ה.י. די געזאַמעלטע קאַפּיטאַלען האט פּק"אָ אויסגענוצט אויף שטיצען די ווירטשאַפטליכע אַקציע אין דער ריכטונג פון שאַפען עיקר-אינוועסטיציעס, וואס ברענגען אַלגעמיינעם און לאָקאַלען נוצען. אויף אינוועסטיציע-צוועקען האט פּק"אָ בעשטימט אין ה.י. העכער 67 מיליאָן זל.

איינע פון די אָבשפּאָר-פאָרמען איז די אַסעקוראַציע. עס איז דער פאַרדינסט פון פּק"אָ, וואס זי האט געשאַפען פּאָפּולערע אַסעקוראַציעס, וואס זענען צוטריטליך פאַר די ברייטסטע סאָציאַלע שיכטען און וואס זענען קודם כל ביליג. אזעלכע אַסעקוראַציעס האָבען מיר אין פּוילען נישט געהאַט ביז'ן יאהר 1938, הגם זיי זענען געוועזען בעקאַנט אין פיעל לענדער און זענען געוועזען א בעקוועהמע פאָרם פון שפּאָרונגען פאַר דער ווייניג-פערמעגליכער און מיטעל פערמעגליכער בעפעלקערונג. די סיבה פון מאַנגעל פון פּאָפּולערע אַסעקוראַציעס אין פּוילען האט געשטעקט דערין, וואס זיי גיבען ווייניג רווח'ים, וואס עס האט די אַסעקוראַציע-געזעלשאַפטען נישט צוגעגעבען קיין חשק צו פערנעמען זיך מיט דער זאַך. פאַר פּק"אָ, ווי אַנ'אינסטיטוציע פון עפענטליכען כאַראַקטער, האט אָבער די דעציזירענדע ראָל געשפּילט דער מאָמענט פון טובת-הכלל. נאָכ'ן ערשטען יאהר טעטיגקייט האט די אָבטיילונג פון לעבענס פערזיכערונגען געהאַט 6 טויזענד פּאָליסען אויף 18,8 מיליאָן זל. און נאָך 10 יאהר, אין 1938, שוין קרוב 149 טויזענד פּאָליסען אויף א פערזיכערונגס-סומע פון 218,5 מיליאָן זל.

די אַקציע פון דער באַנק „פּאָלסקאַ קאַסאַ אָפּיעקי" איז די פערלענגערונג פון דער פּק"אָ-טעטיגקייט מחוץ די גרעניצען פון דער מלוכה. די דאָזיגע אינסטיטוציע איז געגרינדעט געוואָרען דורך פּק"אָ און די סומע, וואס איז איהר אָנגעטרויט געוואָרען דורך עמיגראַנטען, שטייגט איבער 34 מיליאָן זל. און דער אַלגעמיינער אומזאַץ פון דער באַנק פּק"אָ דערגרייכט א מיליאַרד זלאָטעס.

די רעזולטאַטען, וואס פּק"אָ דערגרייכט אין אַלע אַרבייטס-געביטען איז א בעווייז, אַז מיט סיסטעמאַטישער, אָנגעשטרענגטער ארבייט דערגרייכט מען גרויסע צילען. אין איהר אַרבייט שטיצט זיך פּק"אָ אויף די ברייטע שיכטען פון דער געזעלשאַפט און האט אַפּעלירט צום געפיהל פון פאָראויסזעהעוודיגקייט און בעל הביתישקייט פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. אַז די דאָזיגע לאָזונגען זענען ריכטיגע און אַז די אַרבייט פון פּק"אָ ברענגט פּרוכט — דערויף זאָגען עדות די פּאָזיטיווע רעזולטאַטען, וואס ווערען יאהר אין יאהר-אויס דערגרייכט דורך דער דאָזיגער אינסטיטוציע.

מיסטער איקס, קעניג פון שיך-פּאַסטע, וועגען זיין קאַריערע

שוין א וואָך צייט ווי די גאַנצע וואַרשאַווער פּרעסע האט אַנאָנסירט דעם אָנקום פון מיסטער איקס, דעם נישט-געקרוינטען קעניג פון שיך-פּאַסטע. די סיבה דערפון איז געוועזען, וואס מיסטער איקס שטאַמט פון וואַרשאַ און זיין קאַריערע האט ער געמאַכט אין פּוילען, אויך דאס, וואס ער איז איינער פון די אינדישע הערשער.

צוליעב דעם האט דער יודישער זשורנאַליסט, וועלכער האט זיך אַריינגעקליבען אין די אַפּאַרטאַמענטען פון דעם פירשט געהאַט א צוגעגרייטע פראַגע:

— צי קענט איהר מיר ה' מיסטער איקס דערצעהלען עפּעס וועגען אייער קאַריערע? זעלבסטפערשטענדליך, האט געענטפערט דער געפרעגטער. איך בין א יתום, מיינע עלטערן זענען געשטאָרבען ווען איך בין א נאָך געוועזען א קליין קינד, דערנאָך האָב איך, נאַטירליך, פערקויפט צייטונגען אויף דער גאַס, שפּעטער אוואַנסירט אויף א שיך-פּוצער, און א דאַנק מיין אַרבייטסזאַמקייט און בעשיידענקייט האב איך נאָך א שטיקעל צייט פערלייגט א פאַבריק פון שיך-פּאַסטע. אזוי שטעלט זיך פאָר די גענעזע פון מיין קאַריערע.

ענטשולדיגט — דער זשורנאַליסט איז געוועזען אויסער זיך. — איהר זאָגט דאס, גלייך פון א שיך-פּוצער זענט איהר געוואָרען אנ'אייגענטימער פון א פאַבריק? דאס איז דאך עפּעס אַ פאַנטאַסטישער שפּרונג. צי איז דאס אין דער אמת'ן געשעהן א דאַנק אייער אַרבייטסזאַמקייט און בעשיידענקייט? כמעט, כמעט האט געשמייכעלט מיסטער איקס. דער אמת, ווען נישט דאס גרויסע געווינס פון דער לאָטעריע וואָלט איך נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג בעשיידען און אַרבייטזאַם געפּוצט שיך. אָבער איהר, ה' זשורנאַליסט און אויך דאס פּובליקום האָבען דאך ליעב אַזעלכע נישט גלויבליכע סענסאַציאָנעלע פּאַסירונגען און נישט די רעאַלע ווירקליכקייט, צוליעב דעם דערמאָן איך זעלטען וועגען דעם „קליינעם" אינצידענט. אזוי איז דאס—האט ער אַ זאָג געטהון ענערגיש—איך האָב געשפּילט, איך שפּיעל און וועל שפּילען ביז מיין ענדע. דאס איז מיין דעוויז אין לעבען און איך בעטראַכט זיך אַלס מענש וואס קען און ווייסט ווי אזוי צו לעבען.

מיט דער עצה בין איך גרייט צו דינען יעדען, וועמען עס אינטערעסירט מיין פאַנטאַסטישע קאַריערע.

די קאַריערע וועט מאַכען יעדער, וועלכער וועט קויפען אַ לאָס צו דער ערשטער קלאַס 44-טער מלוכה-לאָטעריע, וועמענס ציהונג עס פאַנגט אָן דעם 23 פעברואַר.

לאָסען
צו דער 1-טער קלאַס
44-טע לאָטעריע
שוין צו בעקומען
אין דער בעקאַנטער קאָלעקטור
J. WEKSLER
ALEJA Nr. 6

פון „ישוב"

זונטאַג, דעם 5 לוטי 6 א זייגער נאָכמיטאָג אין אייגענעם לאָקאַל, אַלעע 35, קומט פאַר אַנ'אינפאָרמאַציע-פערזאַמלונג פאַר די מיטגלידער און סימפּאַטיקער,

אויפ'ן טאָג אָרדנונג געפינען זיך א רייה בעריכטען פון פּרעזידיום און לייטער פון די בעזונדערע סעקציעס, ווי אויך א רעפעראַט פון דר. מ. וויזענפעלד.

אַרום דער ערעפנונג פון א נאָכמיטאָג שולע

די פערוואַלטונג פון די י. ש. אָ. איז מודיע, אז אין די נאָהנטסטע טעג וועט פאַרקומען די ערעפנונג פון דער געפּלאַנטער נאָכמיטאָג שולע.

די ידיעה וועגען שאַפען אַזאַ צוגאָב שולע ביי אונז אין שטאָדט, האט אַרויסגערופען פעראינטערעסירונג, דער בעסטער סימן איז דאס, וואָס ביז איצט האָבען זיך שוין פערשריבען א גרעסערע צאָהל קינדער און עלטערן מאַכען ווייטערדיגע ווענדונגען וועגען פערשרייבען זייערע קינדער.

די נאָכמיטאָג שולע וועט, ווי ס'איז שוין בעקאַנט, טראַגען דעם כאַראַקטער פון א „שוויעטליצע", וואו די קינדער וועלען אונטער דער אָנפיהרונג פון א קוואַליפיצירטען לעהרער - פערסאָנאַל אויך געלערנט ווערען לעזען און שרייבען יודיש, יודישע ליטעראַטור א.ז.וו. און ווי ווייט מעגליך אויך בעקומען מיטהילף ביים צוגרייטען די שול-לעקציעס.

וועגען גענויען טערמין פון דער ערעפנונג וועט בעזונדער מיטגעטיילט ווערען.

פון „נורדיה"

די לייטונג פון דער באָקס-מאַנשאַפט אונטערהאַנדעלט א באָקס-מעטש מיט „נורדיה" פון סאָסנאָוויץ. אויב דער דאָזיגער מעטש וועט צושטאַנד קומען, וועט מען האָבען די מעגליכקייט צו זעהען איינע פון די שטאַרקסטע מאַנשאַפטען, מיט אזעלכע באָקסער וויז דאַטנער, דיאַמענד און פעלדבוים.

— די דאַמען-סעקציע, וועלכע טרענירט אונטער דער אויפזיכט פון אַנ'ערשטקלאַסיגען יודישען גימנאַסטיקער, גיט די בעסטע האָפנונג אויף דער צוקונפט.

שטיצט דאס אָרימע יודישע שול-קינד.

די געזעלשאַפט פריינד פון יודישען קינד אָרדענט איין שבת 9 א זייגער אָווענד אין לאָקאַל פון „מכבי" א גרויסען פערוויילונגס אָווענד מיט סענסאַציאָנעלע אַטראַקציעס.

די גאַנצע הכנסה געהט לטובת דעם אָרימען יודישען שול-קינד.

דער חוב פון דער יודישער געזעלשאַפט איז אונטערצושטיצען די דאָזיגע אימפּרעזע.

וויפיעל איינוואוינער צעהלט טשענסטאָכאָוו?

דעם 1-טען סיטשען ה.י. האָבען אין טשענסטאָכאָוו געוואוינט 137.623 איינוואוינער, דערונטער 107.875 רוימיש-קאַטוילישע, 28486 יודען, 746 עוואַנגעליקער, 447 פּראַוואָסלאַוונע און 69 פון אנדערע גלויבענס.

פּראָקלאַמירט די שקל־אַקציע אין פּוילען

יודען ציוניסטען!

דורכגעדרונגען מיט טיפען זאָרג פאַר'ן גורל פון יודישען פאָלק אין גאָר דער וועלט, מיט געפיהל פון אומרוה ערב דעצידירענדע געשעהע־נישען אין ציוניזם, פּראָקלאַמירען מיר די שקל־אקציע צום 21־טען ציוניסטי־שען קאָנגרעס.

א שטורם פון ווילדער שנאה צו אונזער שווער געפּרובט פאָלק בושע־וועט איבער די ישובים פון דער יודי־שער מאַסען־צעשפּרייטקייט אין איי־ראָפּא. טיראַניע און בלינדער יודען־האַס פאַרשפּרייט זיך אין אַלץ מעהר נייע לענדער, עס ווערען בעדראָהט נישט נאָר אונזערע מענשליכע, ביר־גערליכע, נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע רעכט, עס ווערט ברוטאַל געטרעטען אונזער ווירדע און כּבוֹד, נאָר עס ווערט אויך ברוטאַל אָנגעגריפען דער פיזישער קיום פון די יודישע קבוצים. געטריבען און פאַרפאָלגט, ארויסגע־שטויסען דורך זייערע, דורך פלייס, איניציאַטיוו און פעהיגקייטען ערא־בערטע פּאָזיציעס. וואַנדערען טויזענ־דער יודען איבער גרעניצען און לענ־דער, טרייבען א פאַריער־לעבען אין „קיינעמס לאַנד". ענטרעכטעטע און ענטבירגערטע שטעהען זיי פאַר פאַר־מאַכטע טויערען און זוכען איבער דער גרויסער וועלט א פונק פון רעטונג, עס איז אָבער פאַר זיי דאָ נאָר אויס־דרוקען פון צער און מיטגעפיהל, זייער אויסגאַנגסלאָזע לאַגע פאָדערט א קאַר־דינאַלע תשובה, א באַלדיגע רעטונג־אין דער תקופה פון אכזריות שטעהט נאָר ארץ ישראל אונזער אַלט־נייע היימלאַנד, אלס מקום־מקלט פאַר די צעהנדליגער טויזענדער פערפאָלגטע און פארטריבענע, נאָר דאָרט קאָן געשאַפען ווערען מעגליכקייטען פאַר פרייער עקזיסטענץ און א ווירדיג נאַציאָנאַל לעבען.

דער ארץ־ישראל ישוב און צוזאַמען מיט איהם דאס גאַנצע יודישע פאָלק שטעהט שוין באַלד דריי יאהר אין א איבערמענשליכען קאַמף מיט די אראַבישע טעראָריסטישע באַנדעס, געהעצ־טע און געשטיצטע דורך אונזערע פיינד, וועלכע דראָהען צו פערניכטען, די מיט אזוי פיעל מיה און קרבנות אויסגעבויטע פּאָזיציעס און צונעמען די האָפנונג פון יודישען פאָלק זיך צו זעהען אלס בעל־הבית פון אייגענעם גורל, פריי און זעלבסשטענדיג אין אייגענעם לאַנד.

דער ישוב שטעהט העלדיש אין קאַמף, נישט נאָר ער האַלט איין די פּאָזיציעס, נאָר ער זעצט פאָר זיין אויפבוי ארבייט, דרינגט אריין אין נייע ארבייטס־געביטען אין שטאָדט און אין דאָרף, דווקא אין משך פון די לעצטע בלוטיגע יאהרען זענען אויפגעבויט געוואָרען מיט העלדען־מוט און מסירות נפש עטליכע און דרייסיג נייע קאָלאָניזאַציע פונקטען, אויסגע־בויט און פערברייטערט דעם ערשטען יודישען פאָרט אין תל־אביב, אריינ־געדרונגען און פערנומען וויכטיגע פּאָ־זיציעס אין זיכערהייטס וועזען אין לאַנד, פערנומען און פערפעסטיגט פיעל אויסערסט־וויכטיגע סטראַטעגישע פונק־טען ביי די גרעניצען פון לאַנד, פון וועלכע חניתא און מורת צבי זענען שוין געוואָרען א סימבאָל פון יודישער גבורה און עראָבערונג. דער ישוב איז אין בעוואוסטזיין פון זיין ראָלע, פער־טיידיגט נישט נאָר דאָס געשאַפענע, נאָר שטעהט אין קאַמף פאַר אונזערע רעכט פאַר פרייער עליה און מאַסען־קאָלאָניזאַציע, פאַר אונזערע רעכט אויף לעבען און עקזיסטענץ.

עס איז אָבער נויטיג א צעמענטיר־טער ווילען, געשלאָסענע רייהען פון גאַנצען פאָלק, כּדי זיך קענען מיט ערפאָלג געגענשטעלען דעם אַנגריף פון בלוט און פערניכטונג, און די פּרובען צו בעגרעניצען אונזערע רעכט אויף ארץ־ישראל. עס מוז קומען א גרונדליגע תשובה פון גאַנצען פאָלק, אז מיר וועלען נישט אָבטרעטען פון אונזערע רעכט, קיין שום פּח אין דער וועלט איז נישט ביכולת אָבצוהאַלטען אונזער דראַנג צו פרייהייט און זעלבסט־שטענדיגקייט, אונזער רעכט צו האָבען א אייגען ווינקעל אויף דער וועלט, וואו מיר זאָלען קאָנען פריי, אונגע־שטערט געשטאַלטען אונזער לעבען לויט אונזער אייגענעם ווילען.

דאס יודישע פאָלק מוז זיך זאַמלען אַרום דער אַלוועלטליכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צום געמיינזאַמען קאַמף און זיעג.

אין די נעכסטע חדשים דאַרפען בעשטימט ווערען די ריכטליניען פון דער פּאָליטיק פון דער ענגלישער מאַנדאַטאָר מאַכט אין בעצוג צו ארץ־ישראל, דער 21 טער ציוניסטישער קאָנגרעס וועט דאַרפען נעמען א שטע־לונג צו אלע ארויסגערוקטע פאָרשלאָ־גען, ער מוז דעריבער מיט זיך פאַר־שטעלען די רעפּרעזענטאַנץ פון גאַנ־צען יודישען פאָלק. אין אָנבליק פון דער גרויסער טראַגעדיע, וואס אונזער פאָלק לעבט איבער, אויף דער שוועל פון די גרויסע ענטשיידונגען אין צי־ניזם איז די פליכט פון אלע נאַציאָ־נאַל־בעוואוסטזיניגע יודען צו פערזי־כערען זיך מיט וואהל־רעכט צום 21־טען ציוניסטישען קאָנגרעס, וועל־כער וועט דאַרפען דעצידירען איבער גורל פראַגען פון ציוניזם.

אין די שווערע טעג פאַר אונזער פאָלק רופען מיר אייך צו מאָבליזירען זיך צום גרויסען קאַמף פאַר אונזער פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט, פאַר א נייער גליקליכער צוקונפט פון אונזער פאָלק.

שליסט זיך אָן אין דער אַלוועלטלי־כער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, דער קעמפערין פאַר אייער בעפרייאונג!

קויפט און פערשפּרייט דעם שקל, דער בירגער לעגיטימאַציע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע!

פּרעזידיום פון צענטראַלען
שקל־קאָמיטעט אין פּוילען.

KINO „EDEN".

אויף די בקשות פון פיעל קינאָ בעזוכער,
נאָר אויף אייניגע טעג

ZNACHOR

לויט דער ערצעהלונג פון
דאָלענגאַ מאָסטאָוויטש
אין דער הויפּט־ראָל:
יונאָשאַ סטעמפּאָווסקי

Kino STYLOWY
Aleja 27.

אָ וועלט אָהן מאַנספּערשוינען! אַרומגע־רינגעלט מיט וואַסער, געהיטען דורך בעוואָפענטע וועכטער –

Wyspa skazańców

אין די הויפּט־ראָלען:
Ann Sheridan,
John Litel.

Kino „LUNA"

דער מעכטיגער פּוילישער פילם, וואס אילוסטרירט די דראַמע פון מענשען מיט פערגאַנגענהייט
לויט מיכאַל באָלוצקי'ס ערצעהלונג

ZA WINY
niepopełnione

אין די הויפּט־ראָלען:
וואַנדא באַרטובנאַ, יונאָשאַ־סטעמ־פּאָווסקי, אויגעניוש באָדאָ, יעזשי פּיכעלסקי א. אַ.

פון באָקס

ק. ס. „דאַמב" – „מכבי" 10:6

זונטאג איזענד איז פאָרגעקומען א באָקס מעטש צווישען די אויבענדער־מאַנטע קלובען וועגען דער מייסטער־שאַפט פון שלעזיען, וועלכער האט זיך פערענדיגט מיט'ן זיעג פון די געסט 10:6. דערונטער גיט „מכבי" אַוועק צוויי פונקטען אין האָהן געוויכט צוליב דער איבערוואָג פון אָרבאַכ'ן און בע־קומט צוריק צוויי פונקטען אין שווער־געוויכט אָהן קאַמף.

הדסה זילבערבערג נ"ע

אין עלטער פון 80 יאהר איז געקו־מען צו קבורה די זעהר געאַכטעטע פרוי הדסה זילבערבערג, די מוטער פון היגען בעקאַנטען אנגעזעהענעם בעל־הבית און געזעלשאַפטליכען עסקן ר' ישראל מענדיל זילבערבערג.

די נפטרת האט זיך אויסגעצייכענט מיט אויסערגעוועהנליכע מעלות און גע־טהון פיעל צדקה.

אויפ'ן בית עולם האט זי מספּיד גע־ווען ר' משה האַלטער אויס־רעכענענדיג איהרע מעלות טובות ווי אויך ר' אליעזר קאָנסענכ.

תנצב"ה.

די טיפוס־עפּידעמיע אין טשענסטאָכאָוו

אין א דאָרף היגער יאַנאָוו זענען קראַנק געוואָרען 13 פויערים אויף פלעק טיפוס. אלע געפינען זיך אין שפּיטאָל פאַר אַנשטעקענדע קראַנקהיי־טען. דאס דאָרף איז געשלאָסען. די איינוואוינער פון די הייזער, וואו ס'האָ־בען פּאַסירט קראַנקהייטס פאַלען ווערען איזאָלירט אויף 3 וואָכען.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז טייל־ווייז בעגרעניצט געוואָרען דער פער־קעהר מיט יאַנאָוו, פּושראָוו און אָלשטין. עס זענען אויך געשלאָסען געוואָרען די מקוואות.

מיטוואָך האט מען קיין טשענסטאָכאָוו געבראַכט פון קושעפּיץ א יוד, ביי וועלכען ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרען א פלעק טיפוס. ווי ס'האט זיך אַרויס־געוויזען שטאַמט דער קראַנקער פון וויעלון און געוואַנדערט פון אָרט צו אָרט ביז ער איז קראַנק געוואָרען אין קושעפּיץ.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז אָב־געשלאָסען געוואָרען א בעקעריי אין קושעפּיץ און די איינוואוינער פון הויז, וואו דער קראַנקער האט איבערגענעכ־טיגט זענען איזאָלירט געוואָרען אויף 3 טעג. דער זעלבער גורל האט אויך געטראָפען אַלע שטוב־מענשען אין טשענסטאָכאָוו, ווי אין קושעפּיץ, וועל־כע זענען געקומען אין בעריהרונג מיט'ן קראַנקען.

אויך אין טשענסטאָכאָוו האבען פּאַ־סירט צוויי פאַלען פון דער טיפוס־קראַנקהיים און נאָכדעם ווי די קראַנקע זענען איבערגעפיהרט געוואָרען אין שפּיטאָל אריין, זענען די שטוב־מענשען איזאָלירט געוואָרען אויף 3 וואָכען.

פון י. ט. ס. פ. „מכבי".

שבת, דעם 4 טען ד. ח. 3 30 נאָכ־מיטאָג קומט פאָר א פערזאַמלונג פון דע־ פוסבאָל סעקציע מיט פאָלגענדען טאָג־אָרדנונג: רעאָרגאַניזאַציע פון דער סעקציע, ווייטערדיגע אַרבייט און צו־גרייטונג צו די מייסטערשאַפטען.

קומענדען זונטאג, דעם 12־טען וועט זיך די היגע באָקס־סעקציע פון „מכבי" טרעפען אין א מייסטערשאַפטס באָקס־מעטש מיט'ן קאַטאָוויצער פּאָליציייאישען ספּאָרט קלוב. דער לעצטער גרופּירט אַרום זיך כמעט די בעסטע שלעזישע באָקסער, ווי: פּאָוויצא, נאָוואַקאָווסקי, באָדורא, רעמבאָלסקי, פּאַסטאָווע א. א. די לייטונג פון דער באָקס־סעקציע ביים „מכבי" מאַכט אַלערליי אנשטרענגונגען, אַז דער מעטש זאָל אויספאַלען אימפּאָ־זאַנט און זאָל שטעהן אויף א געהערי־גען ספּאָרטליכער הויך.

לאָמיר האָפען, אז די יודישע פּויסט־לער וועלען אַרויס פונ'ם דאזיגען צוזאַ־מענטרעף מיט כבוד.

די פּרובען פון „מכבי"־כאָר זענען געוואָרען איבערגעריסען צוליעב דער דויערענדער קראַנקהייט פון כאָר־דירי־גענט פּראָפ. ראָזענווייץ. וועגען טערמין פון צוריק בעגייען די פּרובען, וועלכע זענען שוין אָגב די לעצטע פּאָרבערייי־טונגען צום בעפאָרשטעהענדען קאָנ־צערט, וועט בעזונדער געמאָלדען ווע־רען.

היינט, פרייטאג 8 א זייגער אָוועַנד קומט פאָר אין זאָל פון „מכבי" דער המשך פון דער דיסקוסיע א. ד. ט. „צווישען אונז", איינגעאָרדענט דורך דער קולטור־סעקציע.

דער לייען־זאָל איז טעטיג יעדען אָוועַנד. איינגאַנג פריי פאַר אלע.

התראה

היות ווי איך האָב שוין עטליכע מאָל אויפגעפאָדערט דעם הויז־ווירט ה' בצלאל פּאַטאָשעוויטש צו אָ דין תורה און ער איז נישט געקומען, פאָדער איך איהם אויף עפענטליך צום לעצטען מאָל צו א דין תורה אויף זונטאג 7 א זייגער אָוועַנד.

אויב ער וועט אויך דאַכמאָל נישט קומען וועל איך זיין געצווינגען עפענטליך אויפצוקלערען דעם גאַנצען ענין.

יהודה אַלבערט

בעקאַנטמאַכונג

מיר מאַכען בעקאַנט די יודישע בעפעלקערונג אין טשענסטאָכאָוו, אַז אַלע יודישע פריזיר־אַנשטאַלטען וועלען זיין טעטיג אַ גאַנצע וואָך לויט די נאָרמאַלע אַרבייטס־שעה'ן אויסער זונטאַג און דערפאַר איז געווינשען, אַז די היגע יודישע בעפעלקערונג זאָל זיך צו דעם צופּאַסען.

יודישער פריזיער־צעך
אין טשענסטאָכאָוו.

צו דער עפענטליכקייט!

דערמיט מאַכען מיר בעקאַנט דער געזעלשאַפט, דאס לויט'ן צעכען־געזעץ דאַרף מען איבערגעבען די אַרבייט ביי עלעקטרישע אינסטאַלאַציע און אַלערליי רעפּעראַטורען נאָר צו די, וואס בעזיצען קאָנצעסיעס. די אַרבייט, וואס וועט ווערען אויסגעפיהרט דורך זייטיגע פערזאָנען וועט נישט ציגעלאַנטשעט ווערען דורך דער עלעקטראָווניע און בעזונדער וועלען געצויגרן ווערען די געהעריגע קאָנסעקווענצען.

סעקציע אינסטאַלאַטאָרען—עלעקטראָטעכניקער
ביים האַנדווערקס־פערבאַנד, אָבט. אין טשענסטאכאוו.

אינדיווידועלע רייזעס קיין:
דרום־און מיטעל־אַמעריקא, אפריקא,
ארץ־ישראל א. ז. וו.

פּאַסאַזשירען־בעדינונג אין אַלע האַפענס דורך אייגענע אַגענטען.
אַלערליי פאָרמאַליטען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער רייזע.

Jugosłowiański Lloyd-Gen. Przedst. na Polskę:
Francopol- Katowice, Mielęckiego 10.
Warszawa Mazowiecka 9.

הערט! אכטונג! רעטייל!

דער בעקאַנטער היגער כוחר בעריל קעלציגלאָווסקי איז נאָך אַ לאַנגער אַבוועזענהייט צוריקגעקומען קיין טשענסטאכאוו און געעפענט אַ גרויס

מאַנופאַקטור־געשעפט

וואו ס'איז צו בעקומען אַלערליי מאַנופאַקטור־סחורות ווי: שטאָפען אויף הערן־אַנצוגען, פּאַלטענס, דאַמען־קליידער, מאַנטלען, קאָסטיומען, דעקען, גאַרדינען און אַלערליי ווייסוואַרען. ביי התונה־אויסשטייער גיבען מיר עקסטרא ראַבאַט.
עקסטראַ אַבטיילונג פאַר מאַגאַזינער'ס.

Sprzedaż manufaktury W. KIELCYGŁOWSKI
Berka Joselewicza 10.

פאַרבעריי
און כעמישע וועשעריי

„BENETA"

פאַבריק און קאַנטאָר: ב. יאָסעלעוויטשאַ 11
פיליע 2־טע אַלעע 16 (הויז פון ה' אימין)

מענער־קראַגענס ווערען ווייטער געוואַשען מיט דויערהאַפטען שפּיגעל־גלאַנץ צום פּרייז 12 גר.

ספּעציאַליטעט:
1) אויפפרישען (פאַרבען) לעדערנע קורטקעס, 2) פאַרבען לויט מוסטערן, 3) דעטאַשירען (אַרויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ'ן אָרט), 4) כעמישריניגען און פּאַסאַנירען קאָפּעלושן.
די אַרבייט ווערט אויסגעפיהרט אונטער דער לייטונג פון אַן אָבסאָלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע־שולע אין וואַרשע מיט לאַנגיעהריגער פּראַקטיק

Kino „BAŁTYK" 14–16 אַגראַדאַטאַ

דער מעכטיגער פּוילישער פילם
לויט דער ערצעהלונג פון העלענאַ מנישעק

GEHENNA

ביליגע פּרייזען!

ענטשולדיגונג.

פאַר די בעליידיגענדע אויס־דריקען אויפ'ן אַדרעס פון די פערוואַלטונגס מיטגלי־דער פון „בית לחם" טהו איך זיך עפענטליך ענטשול־דיגען.

דבורה ווייפריב

Proszek od BOLU GŁOWY
DLA DOROSŁYCH ZE ZN. FABR.
KOWALSKINA
stosuje się również
PRZY PRZEZIĘBIENIU
GRYPIE: KATARZE